מיכאל פֿעלזענבאַום ◆

# אַ שאָטן בײַם פֿענצטער

הרשות הלאומית לתרבות היידיש
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

Michael Felsenbaum

A shotn baym fentster

Noveles

מיכאל פֿלזנבאום

צל ליד החלון

◆

Copyright © Michael Felsenbaum

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

◆

רעדאַקטור און קאָרעקטור – אליעזר ניבאָרסקי

צייכענונגען און הילע – מאַרק קאַנאָוויטש

זאַץ און קאָמפּיוטער־גראַפֿיק – ווירא און יונתן לאָזינסקי

ISBN 978-965-7094-88-4 מסת״ב

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פֿון

נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

בית שלום־עליכם

◆

דפוס שחף, י.ל. פרץ־גאַס 9, תּל־אָבֿיבֿ

געדרוקט אין ישׂראל, תּשע״ו

Printed in Israel, 2015

מיכאל פֿעלזענבאַום

# אַ שאָטן בײַם פֿענצטער

נאָוועלעס און פּיעסעס

תּל־אָבֿיבֿ

2015 • תשע״ו



# אַ שאָטן בײַם פֿענצטער

אַ יאַשטשערקע איז געלאָפֿן איבערן מויער, פּאָפּעריק דער וואַנט, מיטן קעפּל צו דער זון. אויף אַ רגע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל אין מײַן זײַט, און גלײַך פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ כּמעט אומזעעוודיקן שפּאַלט. איך בין געבליבן שטיין בײַם פֿענצטער, מיט דער פּלייצע צום פֿאַרגעסענעם עבֿר. געשטאַנען און געפֿילט, אַז דאָס דאָזיקע פֿענצטער איז מײַן איינציקער פֿאַרמעגן, דאָס איינציקע וואָס זאָגט מיר צו אַן אומבאַזאָרגטע רויִקייט. אַ רויִקייט, וועלכע אין יענעם, פֿאַרגעסענעם עבֿר, פֿלעגט קומען נאָך אַ ליבענאַכט.

דאָס דאָזיקע פֿענצטער האָב איך באַקומען בירושה פֿון מײַן טאַטן ווען ער האָט פֿאַרלוירן אַלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר פֿאַרלירן. ער האָט ניט געקענט שטיין אויף די פֿיס, די גאַנצע צײַט געלעגן אין בעט, געקריצט מיט די ציין פֿון ווייטיק און געזוכט די פֿאַרלוירענע סטעזשקע צום לעבן. פֿון זײַן געלעגער האָט ער געקענט זען נאָר די כמאַרעס שוואַרצע וואַראָנעס, אויסגעזעצטע אויף די גאָלע צווײַגן פֿון די אַלטע ביימער, אײַנגעוואַקסענע אין זײַנע שוואַרצאַפּלען. קיין בלום, קיין גרעזל, קיין כּזית פֿרייד, נאָר אַ דערפֿרעסנדיקער ווייטיק, גאָלע צווײַגן און קראַקענדיקע וואַראָנעס.

ער האָט, נעבעך, ניט געוווּסט, אַז ניט אים געהערט שוין זײַן פֿענצטער, נאָר מיר. אויך איך גופֿא האָב נאָך וועגן דעם ניט געוווּסט. כ׳בין דעמאָלט געווען זייער ווײַט פֿון מײַן טאַטן, זייער ווײַט. כ׳האָב פּשוט אָנגעהויבן צו שטיין בײַם פֿענצטער און זוכן, עפּעס זוכן, אָבער וואָס האָב איך געזוכט, ווייס איך ניט ביזן הײַנטיקן טאָג, ווײַל מײַן אַמאָליקער גרויסער נײַגער האָט זיך צעפּויזעט איבער דער צײַט.

איך האָב געוווּסט, אַז דער טאַטע האָט זיך פּענסיאָנירט. און דאָס האָט אים צעבראָכן, ווײַל וואָס נאָך האָט ער געהאַט אין זײַן לעבן אַחוץ זײַן זאַוואָד? און דאָ, פּלוצעם, שיקט מען אים מיט צוואַנג אויף דער פּענסיע. דעמאָלט איז ער אַריבער ווינען אינעם גאַסטצימער, אָנגעהויבן צו שטיין בײַם פֿענצטער און פֿון הינטער די שווערע גאַרדינען געקוקט אויף די פֿאַרמאָכטעביימער אינעם אַלטן פּאַרק. עס האָט, אָבער, ניט לאַנג געדויערט, די פֿיס האָבן אויפֿגעהערט אים צו דינען און מער איז ער שוין ניט אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט.

איך גופֿא האָב ניט געוווּסט, אַז דער טאַטע האַלט בײַם שטאַרבן. קיינער האָט מיר גאָרניט געזאָגט, און בײַ אונדז אין דער משפּחה האָט מען בכלל ניט געהאַט קיין טבֿע צו שטעלן פֿראַגעס און רעדן וועגן פּריוואַטע זאַכן. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב יאָ געוווּסט איז, אַז דער טאַטע האָט זיך פּענסיאָנירט און גייט שוין ניט אַרויס פֿון דער היים.

יענעם זומער האָב איך געהאַט זייער אַ סך אַרבעט. עס איז געווען מסוכּן הייס און די געוויינטלעכע זומער־גריפּע האָט זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד אין משך פֿון איין וואָך. קיינער האָט ניט געהאַט קיין דעה ווי מע שטעלט אָפּ דעם נײַעם מין זאַראַזע. כ׳האָב געמוזט אויפֿנעמען ביז פֿערציק פּאַציענטן אַ טאָג און געווען ממש אויסגעריסן פֿון לויפֿעניש צווישן דער קליניק און שפּיטאָל. אַהיים פֿלעג איך קומען שפּעט אין אָוונט, – אַן אויסגעשעפּטער, אָן כּוחות, מיט איין ציל – וואָס גיכער זיך

שטעלן אונטערן דוש און – הײַדאַ אין בעט אַרײַן. קיין וועטשערע ניט, קיין בוך ניט און ניט קיין פּוסטע דיבורים מיט דער פֿרוי, – גאָרניט, נאָר וואָס גיכער אין בעט אַרײַן און שלאָפֿן. און אַזוי האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן זומער. וועגן אַ טאָג אורלויב, כאָטשבי איין מאָל אין וואָך, איז בכלל ניט געווען וואָס צו רעדן, ווײַל עס האָט ניט געסטײַעט קיין דאָקטוירים. פֿון צײַט צו צײַט האָב איך געפֿילט, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן מיך און די נערוון האַלטן בײַם פּלאַצן. חוץ דעם, איז מיך באַפֿאַלן אַ דערקוטשענדיק פֿאָרגעפֿיל, אַז דאָ דאַרף געשען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. און אַ מאָל, ווייסט איר, ווערט אַ פֿאָרגעפֿיל אַזוי שטאַרק, אַז אַ בשׂר־ודם קען עס ניט בײַקומען אָדער כאָטש אַ ביסל אײַנשטילן.

סוף זומער איז דער מצבֿ מיט דער גריפּע־מגפֿה געוואָרן אַ סך בעסער, מע האָט סוף־כּל־סוף געפֿונען אַן עפֿעקטיווע רפֿואה קעגן דער זאַראַזע, און איך האָב שוין פּלאַנירט איבערצורעדן מיט מײַן פֿרוי וועגן אַ וואָך אורלויב. איך האָב נאָר געוואַרט, אַז די פֿרוי זאָל זיך אומקערן פֿונעם יערלעכן פּעדאַגאָגישן סעמינאַר. איך געדענק ניט גענוי ווען, אָבער זיכער, אַז סוף זומער, האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט און געפֿונען אויפֿן בעט אַ צעטל: "איך גיי פֿון דיר אַוועק און קער זיך אום צו די עלטערן. זוך מיך ניט. זײַ געזונט און שטאַרק, דער עיקר – זײַ שטאַרק." זײַ שטאַרק... אָט אַזוי. זײַ שטאַרק! מיר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען צוועלף יאָר, קיין מאָל זיך ניט געקריגט, קיין שלעכט וואָרט איינער דעם צווייטן ניט געזאָגט און איצט – "זײַ שטאַרק"!

אַוודאי, אַ געוויסע אָנשטרענגונג אין אונדזערע באַציִונגען איז געווען. פֿון סאַמע אָנהייב איז אונדז ניט געגאַנגען מיט קינדער האָבן. אמת, מײַן פֿרוי איז געווען קאַלט ווי אַ זשאַבע, אַ פֿריגידקע, אָבער גאַנץ געזונט. אויך איך בין קיין מאָל ניט געווען קיין "הייסער מאַטשאָ", אָבער דאָס האָט גיכער געהאַט צו טאָן מיט מײַן טעמפּעראַמענט און ניט מיט געזונט־פּראָבלעמען. עס איז אונדז פּשוט ניט געגאַנגען מיט די קינדער.

בקיצור, זייער גיך האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז מײַן פֿרוי איז אַוועק ניט צו די עלטערן, נאָר צו אַן אַנדערן מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקענט אויפֿן סעמינאַר.

כ׳האָב געקעמפֿט, געוואָלט אומקערן מײַן פֿרוי אַהיים. און אויב ניט אומקערן, טאָ כאָטש איבערצײַגן, אַז זי זאָל פֿאַרלאָזן דעם פֿרעמדן מאַן און אויף אַ צײַט גיין וווינען בײַ די עלטערן. אָבער ס׳איז ניט געגאַנגען, עס איז פּשוט ניט געגאַנגען, זי האָט זיך ניט אומגעקערט.

כ׳האָב ניט געקענט שלאָפֿן, ניט געקענט אַרבעטן, די נערוון מײַנע זײַנען געוואָרן אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט, און סוף־כּל־סוף בין איך אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ וואָך צײַט אין אַ קליינעם וואַלדפּאַנסיאָן. יעדן טאָג האָב איך געקלונגען צו מײַן פֿרוי און, גאָט צו דאַנקען, מיר זײַנען געקומען צו אַ הסכּם, אַז זי גייט וווינען בײַ איר חבֿרטע, ווײַל דער ״פּאַראַזיט״ האָט זי ״אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפֿן. אַלע מענער זײַנען פּאַראַזיטן און נבֿלות.״

איך בין געווען ממש גליקלעך און געווען גרייט צו פֿאַרגעסן אין מײַן פֿרויס ליגן. כ׳בין געווען זיכער, אַז פֿון אַ הסכּם צו אַ פּשרה איז אַ קאַצנשפּרונג. איך האָב זיך אײַנגערעדט אַ קינד אין בויך, אַז מײַן איבערגעגעבנקייט די פּאַציענטן, און דאָס, וואָס איך האָב כּמעט ווי פֿאַרגעסן, אַז מיט מיר אין איין דירה לעבט אַ יונגע פֿרוי מיט אירע אייגענע געפֿילן און פּלענער, דווקא דאָס האָט גורם געווען מײַן פֿרויס ״פּראָטעסט״. און בכלל, וואָס האָב איך איר געגעבן? אַ גרויסע מאָדערנע שטוב? אַ שיינע מאַשין און צוויי וואָכן יערלעכן אורלויב אויף דעם אָדער אַנדערן קוראָרט?

איך האָב זיך געפֿילט שולדיק, שולדיק פֿון אַלע זײַטן, און דווקא דעמאָלט, בעת מײַן קורצן אורלויב אין וואַלד, האָב איך אָנגעהויבן כּסדר שטיין בײַם פֿענצטער. איך בין פּשוט געשטאַנען בײַם פֿענצטער און גערייכערט, אַ סיגאַרעט נאָך אַ סיגאַרעט.

קיין גרויסע גליקן האָבן אויף מיר אין דער היים ניט געוואַרט. מײַן פֿרוי האָט מיר מבֿשׂר געווען אַ שיינע נײַעס, – ״ איך האָב ליב מײַן חבֿרטע, אויך זי האָט מיך ליב, און מיר וועלן חתונה האָבן. אַלע מענער זײַנען פּאַראַזיטן און נבֿלות.״

שוין... אויס זיווג, אויס פּשרה, סוף פּרשה... און איך בין ווײַטער געשטאַנען בײַם פֿענצטער און גערייכערט. אַפֿילו אין דער קליניק פֿלעג איך געפֿינען אַ תּירוץ צו מאַכן אַ לאַנגן איבעררײַס און זיך געשטעלט צום פֿענצטער. איך האָב געפֿילט, אַז דאָס האַרץ ווערט בײַ מיר ביסלעכווײַז קאַלט און גלײַכגילטיק צו יענעמס ווייטיק. די פּאַציענטן האָבן מיר געשטערט צו שטיין בײַם פֿענצטער.

דעם אמת געזאָגט, כ׳האָב קיין מאָל ניט געוואָלט זײַן קיין דאָקטער. פֿון קינדווײַז אָן האָב איך געטרוימט צו ווערן אַ וועטערינאַר, אָבער מײַנע טרוימען האָבן קיינעם ניט אינטערעסירט.

*– חיות, מענטשן... אַ וועטערינאַר, אַ דאָקטער... די זעלבע זאַך, – האָט אַ בורטשע געטאָן דער טאַטע.*

*– אָבער מע טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז אַ דאָקטער פֿאַרדינט מער ווי אַ וועטערינאַר, – האָט צוגעגעבן די מאַמע און איז אַוועק אין קיך.*

קיין טענות צו די עלטערן האָב איך ניט געהאַט און ניט פּראָטעסטירט, כאָטש כ׳בין שוין געווען אַן אָפּגעדינטער דערוואַקסענער מענטש און געקענט האָבן מײַן אייגענע מיינונג וועגן מײַן אייגענער צוקונפֿט. בײַ אונדז אין דער משפּחה האָט מען ניט פּראָטעסטירט. דאָס וואָרט ״פּראָטעסטירן״ האָט בײַ אונדז אין דער היים ניט עקסיסטירט. אַלץ איז געווען איסגעסדרט און אויפֿגעשריבן אויף אַ וואָכליסטע, – לימודים, מאָלצײַטן, שלאָפֿן, אײַנקויפֿן, וואַשן, ראַמען, מאַכן ספּאָרט, שפּאַצירן בײַם טײַך, אַרבעטן אין גאָרטן, הערן ראַדיאָ, אין טואַלעט גיין... – אַלץ, אַלץ! ממש ווי אין אַ תּפֿיסה. זײַט מיר

מוחל, נערוון... איך האָב געפֿילט, אַז די עלטערן האָבן גוטע כּוונות און טוען דאָס כּדי מיך צו באַשיצן פֿון עפּעס. אָבער פֿון וואָס? פֿון זייער עבֿר? פֿון מײַן אייגן לעבן? פֿון דער וועלט? פֿון מײַנע אייגענע געפֿילן? פֿון וואָס? אוף... נערוון...

דעמאָלט, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין טבֿע צו שטיין בײַם פֿענצטער, אין יענע צײַטן האָב איך געהאַט אַנדערע ״חבֿרים״, – די פֿייגל, חיות און שרצימלעך פֿונעם אַלטן פּאַרק. און איך בין געגאַנגען צו מײַנע פֿרײַנד, צו שטילן מײַן ביטער האַרץ.

דער פּאַרק איז געווען צוגעקלעפּט צום הינטערצוים אַרום דעם קליינעם גאָרטן. פֿון דער אָ זײַט הויז האָבן מיר געהאַט צוויי חדרים, – מײַן צימער און אַ גאַסטצימער מיט די פֿענצטער צום פּאַרק, און צווישן זיי – אַ קליין קאָרידאָריקל מיט אַ טיר אין גאָרטן אַרויס. צו וואָס מיר דאַרפֿן האָבן דעם גאַסטצימער איז מיר דעמאָלט געווען אַ גרויס רעטעניש, אָבער שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די עלטערן האָבן אים געהאַלטן פֿאַר די שווערע צײַטן, און ווען דער טאַטע האָט שוין ניט געקענט שטיין אויף די פֿיס איז ער אַריבערגעגאַנגען פֿון דער ספּאַלניע אינעם גאַסטצימער אַרײַן, אַז די מאַמע זאָל קענען רויִק שלאָפֿן.

מיר האָבן געלעבט אין אַ קליין זאַקסיש שטעטל פּלויען, ניט ווײַט פֿון קאַרל־מאַרקס־שטאָט, הײַנט – קעמניץ. דער טאַטע איז געווען אַ הויפּט־מעכאַניקער אויפֿן היגן אויטאָ־זאַוואָד. און כאָטש קיינער פֿון אונדזער משפּחה איז ניט געווען קיין מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי, האָט מען מיר געגעבן די בעסטע רעקאָמענדאַציעס, סײַ פֿון דער אַרמיי סײַ פֿון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון טאַטנס זאַוואָד, און איך בין געפֿאָרן קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, קיין קיִעוו, צו שטודירן מעדיצין אויפֿן חשבון פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

קיִעוו איז זייער אַ וואַרעמע שטאָט, אָבער צו לעבן דאָרט איז מיר געווען אַ ביסל שווער. און ניט צוליב דער שפּראַך, ניין. אַ

ביסל רוסיש האָב איך געקענט, מיר האָבן זיך דאָך געלערנט רוסיש אין דער שול. אַפֿילו דאָס, וואָס מיר, די סטודענטן פֿון מיזרח־דײַטשלאַנד האָבן געמוזט שפּיאָנירן איינער נאָכן צווייטן, האָט מיך ניט געאַרט, אַלע האָבן געמסרט און אַלע האָבן וועגן דעם געוווּסט. איך רעד וועגן אין גאַנצן אַנדערע זאַכן, איך רעד וועגן זאַכן, וועלכע, אַזוי מיין איך, האָבן מיך שפּעטער אַרויסגעריסן פֿונעם נאָרמאַלן לעבן און צוגעקלעפּט צום פֿענצטער.

גלײַך נאָך מײַן אָנקומען קיין קיִעוו, נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן דעם ערשטן סעמעסטער, האָט מען אונדז געשיקט אין עפּעס אַ דאָרף צו אַרבעטן אויפֿן בוריקעס־פֿעלד. דאָס איז געווען אַ מין שקלאַפֿישע אַרבעט, אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. מיר זײַנען געווען יונג, נײַגעריק, אידעאַליסטיש דערצויגן און אונדז האָט ניט געאַרט, וואָס אַן אַנדערער באַשטימט פֿאַר אונדז ווו צו זײַן און וואָס צו טאָן. ס׳איז ניט אָנגענעם, אָבער – מילא... בקיצור, בערך אין אַ וואָך אַרום האָט מיך צוגערופֿן צו זיך דער ״קאָמיסאַר״ און געהייסן פֿאָרן קיין קיִעוו, ווײַל אינעם דעקאַנאַט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז אין מײַן דאָסיע פֿעלן עטלעכע דאָקומענטן. גוט, כ׳בין דאָך אַ דײַטש און איך פֿאַרשטיי, אַז דער סדר אין די פּאַפּירן איז אַ מאָל וויכטיקער פֿון בוריקעס. מיט גרויס פֿרייד האָב איך אַרויסגעשלעפּט די גומענע שטיוול פֿון דער קלעפּיקער פֿעלדבלאָטע און בין געפֿאָרן אין אינסטיטוט.

דער דעקאַן איז געזעסן בײַם טיש און עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פֿענצטער און גערייכערט אין דער פֿאָרטקע. נאָך אַ פּאָר געוויינטלעכע פֿראַגעס און מײַנע פּשוטע ענטפֿערס איז דער דעקאַן פּלוצעם אויפֿגעשטאַנען און אַרויס פֿונעם קאַבינעט.

דער אומבאַקאַנטער האָט אויסגעדרייט צו מיר דאָס פּנים, מיר דערלאַנגט אַ האַנט און מיט אַ שמייכל אַ פֿרעג געטאָן:

– צי ווייסט איר, אַז אַ קליינער ליגן קען אַ מאָל פֿירן צו גרויסע צרות?

– איך פֿאַרשטיי אײַך ניט, – האָב איך געענטפֿערט ווי צעמישט, און געוואָלט באַפֿרײַען די האַנט, נאָר דער אומבאַקאַנטער האָט זי פֿאַרקלעמט נאָך שטאַרקער.

– מאַכט זיך ניט פּאַצעוואַטע. אין אײַערע אַנקעטעס האָט איר אָנגעוויזן, אַז איר זענט אַ דײַטש.

– יאָ, דאָס איז דער ריינער אמת, איך קום דאָך פֿון קאַרל־מאַרקס־שטאָט.

– ספּעקולירט ניט מיט קאַרל מאַרקס׳ נאָמען. מיר ווייסן פֿון וואַנען איר קומט. זאָגט מיר, ביטע, אַז מײַנע טאַטע־מאַמע זײַנען אוקראַיִנער, דאַן ווער בין איך? אַ כינעזער?

– פֿאַר וואָס פּלוצעם אַ כינעזער?... קלאָר, אַז איר זענט אַן אוקראַיִנער. לאָזט, ביטע אָפּ מײַן האַנט.

– זײַט מיר מוחל. מיר האָבן געוווּסט, אַז איר זענט אַ קלוגער מענטש. הײַנט זאָגט מיר, ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז בײַ אײַערע עלטערן, זייער גוטע מענטשן און כּשרע ייִדן אין טויזנטסטן דור, ווערט פּלוצעם געבוירן אַ זון אַ דײַטש? אַ גענעטיש רעטעניש, האַ? אָדער?...

וואָס איז געשען ווײַטער איז ניט וויכטיק און ניט אינטערעסאַנט, אָדער פֿאַרקערט, – זייער וויכטיק און זייער אינטערעסאַנט, אָבער דאָס איז פֿאַרבונדן מיט זייער פּיקאַנטע זאַכן און איך וויל ניט רעדן וועגן דעם, סײַדן מע וועט מיך צעשנײַדן אויף פּיץ־פּיצלעך. מיט איין וואָרט – אַ פּריוואַטע זאַך...

איך בין אָפּגעווען אין קיִעוו אַכט יאָר און אַפֿילו אויף די וואַקאַציעס ניט געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד. קיין תּירוצים, אַז מע וויל, פֿעלן ניט אויס. כ׳האָב פֿאַרענדיקט די לימודים און די פּראַקטיק, באַקומען אַ ״רויטן״ דיפּלאָם און זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד מיט אַ גוטן פֿאַך אין די הענט און מיט אַ יונגער פֿרוי

אויף די הענט. אויך זי איז געווען אַ סטודענטקע פֿון דײַטשלאַנד, נאָר פֿון אַן אַנדערן אינסטיטוט און אַ סך ייִנגער פֿון מיר. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק, ס׳איז פּשוט געקומען צום וואָרט.

מיר, איך מיט מײַן פֿרוי, האָבן זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד גלײַך נאָך די אַלע איבערקערענישן אין אייראָפּע און נאָך אַ קורצן וויזיט בײַ מײַנע עלטערן זײַנען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין מערבֿ, אין אַ קליין שטעטל בײַ דער פֿראַנצייזישער גרענעץ. אַ מחיה, – אָן באַקאַנטע, אָן פֿרײַנד, אָן קרובֿים, נאָר איך מיט מײַן פֿרוי, – אַ פּערספּעקטיווער דאָקטער און אַ פֿריש־געבאַקענע לערערקע.

צוועלף יאָר האָבן מיר אָפּגעלעבט שטיל און רויִק, אָן קיין שום קאָנפֿליקטן. און איצט... איצט שטיי איך בײַם פֿענצטער און ווייס ניט ווי מען לעבט ווײַטער. יאָ, איך בין שולדיק, אָבער רעלאַטיוו שולדיק, ניט איך האָב אונטערגעלייגט מײַן פֿרוי אין אַ פֿרעמד בעט. Scheisse, וואָס האָט זי געזוכט דאָרט, וואָס?! און ווּ זײַנען געווען מײַנע אויגן, ווּ איז געווען מײַן קאָפּ, מײַן האַרץ, מײַן נשמה?

און בכלל, ווער בין איך הײַנט? אויס דײַטש... און אַ ייִד וועל איך דאָך קיין מאָל ניט ווערן. ווער בין איך? אַ שאָטן בײַם פֿענצטער?... Scheisse...

*... אַ יאַשטשערקע איז געלאָפֿן איבערן מויער, פּאָפּעריק דער וואַנט, מיטן קעפּל צו דער זון. אויף אַ רגע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט... עס האָבן זיך געלאָזט הערן טריט, שווערע טריט. דער פּאַסטאָר האָט אָפּגערוקט דעם פֿאָרהאַנג אין דער זײַט. איבער דער גאַס איז געגאַנגען אַ שערענגע ייִדן אין באַגלייטונג פֿון צוויי אַלטע עס־עס־לײַט. דער פּאַסטאָר האָט דערהערט אַ קלאַפּ פֿון דער קאַליטקע און איז אַרויסגעלאָפֿן אין הויף אַרויס. אונטער דער באַנק האָט ער דערזען ליגן צוויי קינדער, אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.*

*– וואָס זוכט איר דאָ, קינדער מײַנע?*

*– הייליקער פֿאָטער, מיר זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די וועכטער. דאָס איז מײַן שוועסטערקינד. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איר וועט אונדז העלפֿן.*

*– יאָ, מײַנע קינדער, קומט מיט מיר.*

טעלעפֿאָן... ווער קלינגט עס? אָ, scheisse... פּלויען... ענטפֿערן, ניט ענטפֿערן... גוט...

– אַ גוט־אָוונט, מאַמע.

– אַ גוט־אָוונט, מײַן קינד. צי קענסטו אַהיים קומען, מאָרגן אין דער פֿרי, אָדער דאַרפֿסטו אַרבעטן?

– יאָ, איך מוז אַרבעטן, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס.

– דער טאַטע איז געשטאָרבן, מיט דרײַ און פֿערציק מינוט צוריק.

– יאָ, זיכער, איך קום.

כ׳האָב אָנגעקלונגען מײַן סעקרעטאַרשע אָנצוזאָגן, אַז אַ פּאָר טעג לאַנג וועל איך ניט זײַן אויף דער אַרבעט, און אין אַ שעה אַרום בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער היים.

ווי אַלט איז מײַן טאַטע געווען? האָב איך ניט געוווּסט, בײַ אונדז אין דער היים האָט מען ניט גערעדט וועגן אַזעלכע זאַכן. קיין געבוירן־טאָג האָט מען בײַ אונדז ניט געפּראַוועט, קיין קרובֿים האָבן מיר ניט געהאַט, צו גאַסט זײַנען מיר ניט געגאַנגען און קיין געסט האָבן מיר ניט פֿאַרבעטן, אין קלויסטער און אויפֿן צווינטער זײַנען מיר ניט געגאַנגען. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז מײַנע עלטערן זײַנען מלחמה־קינדער. פֿאַר מיר איז דאָס געווען גענוג, ווײַל די איבעריקע אינפֿאָרמאַציע וועגן די מלחמה־קינדער האָב איך באַקומען אין דער שול. אָבער דאָס פֿולע בילד וועגן מײַנע עלטערן האָט מיר ״אָנגעריסעוועט״ דער ״אומבאַקאַנטער

פֿאַרשוין" אינעם קאַבינעט פֿונעם דעקאַן. די עלטערן האָב איך וועגן דעם ניט דערציילט. פֿאַר מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי ביידע האָבן זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, – דער טאַטע אין זײַן זאַוואָד, די מאַמע, – אין קיך, און ביזן לעצטן אָטעם פֿון זייער לעבן וועלן זיי זיצן אין יענעם פֿינצטערן קעמערל הינטערן קלויסטער, און וועלן מורא האָבן פֿאַר יעדן לעבעדיקן שאָרך.

דער טאַטע איז געלעגן אין דעם גאַסטצימער, איבערגעדעקט מיט אַ ווײַסן לײַלעך, מיט די פֿיס צו דער טיר, מיטן קאָפּ צום פֿענצטער. לעבן טאַטנס קאָפּ, אויף דער ברייטער פֿענצטערברעט איז געשטאַנען אונדזער אַלטער טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט און אַ פּאָר ווײַסע האַרבסטיקע בלומען אין טאַטנס באַליבטער וואַזע.

די מאַמע איז געווען אויף חידושים רויִק, זי האָט ניט געוויינט, ניט געיאָמערט, פּשוט געזעסן אין קיך בײַם טיש און געלייענט אַ בוך. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פֿאָר קיין קעמניץ, אין דער סינאַגאָגע, איבערצורעדן מיט די קהילה־לײַט וועגן דער לוויה, האָט זי מיך באַקוקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און געזאָגט:

– איך זע, אַז דו ווייסט שוין... נאָר איך בעט דיך, זיי זאָלן אַלץ מאַכן שטיל, אָן עדות און אָן רעקלאַמע. דאָס איז אונדזער בקשה און תּנאַי.

– יאָ, מאַמע.

פּלוצעם האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן.

– קענסט גיין, איך וועל ענטפֿערן, – האָט געזאָגט די מאַמע, אָבער איך האָב זיך פֿאַרזאַמט בײַ דער שוועל.

– ביסט נאָך דאָ? גיי צו צום טעלעפֿאָן, דאָס איז דײַן פֿרוי.

– אַ דאַנק.

דער טעלעפֿאָן־שנור איז געווען זייער קורץ און איך האָב געמוזט שטיין ממש האַרט צוגערוקט צום טאַטנס קערפּער. אין מײַן מעדיצינישער פּראַקטיק האָב איך געהאַט צו טאָן מיט

הונדערטער גופֿים, אָבער ניט פֿון אַ נאָענטן מענטש, און מיר איז געווען ניט־אָנגענעם צו רעדן טעלעפֿאָניש לעבן אַ בר־מינן. און אפֿשר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן בין איך געוואָרן בייז.

– האַלאָ.

– איך האָב דיך געזוכט אַ גאַנצע נאַכט.

– תּכלית...

– וואָס, אָן אַן עצה פֿון דײַן פֿאַרביסענעם פֿאָטער קענסטו זיך ניט באַגיין?

איך האָב דערפֿילט, אַז די פֿרוי איז ניט אין גאַנצן ניכטער, כאָטש איך האָב זי קיין מאָל ניט געזען טרינקען, אָבער איר חבֿר־חבֿרטע...

– איך האָב אײַך פֿײַנט, איר האָט מיר קאַליע געמאַכט מײַן לעבן.

– איצט קען איך ניט רעדן...

– איז גיב איבער דאָס טרײַבל דײַן טאַטעטשקע, איך וועל אים זאָגן אַלץ, וואָס איך טראַכט וועגן אײַך, פֿאַסקודנע מענער.

– דער טאַטע איז געשטאָרבן. איך בעט דיך זייער, אַז דו זאָלסט מיר מער ניט קלינגען.

– איך דאַרף האָבן געלט פֿאַר מײַן נײַער אמתער משפּחה. איר האָט מיר...

איך האָב ניט געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל דערהערן די גוטע בשׂורה וועגן מײַן פֿרויס נײַער ״פֿרוי״ אָדער ״מאַן״, כ׳האָב אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און מיט אַ ביטער האַרץ געפֿאָרן קיין קעמניץ.

דער פֿאָרזיצער פֿון דער קעמניצער קהילה האָט לאַנג ניט געקענט קומען צו זיך, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז אין פּלויען זײַנען נאָך דאָ ייִדן. דער לעצטער פּלויענער ייִד, האָט

ער געטענהט, איז געשטאָרבן מיט איבער פּופֿציק יאָר צוריק. יאָ, קוקט, אין נײַנצן זיבן און פֿופֿציק. אָבער אַז דער פּאָרזיצער איז געקומען צו זיך, האָט ער אָרגאַניזירט די לוויה איינס און צוויי, און צוגעזאָגט רעספּעקטירן אונדזער בקשה, ס׳הייסט, ברענגען דעם טאַטן צו קבֿר־ישׂראל אָן פֿרעמדע אויגן, בײַ נאַכט.

אַהיים בין איך געקומען מיט צוויי קעמניצער ייִדן. זיי האָבן געדאַרפֿט מטהר זײַן דעם בר־מינן און אים צוגרייטן צו קבֿורה. איך האָב זיי געוואָלט העלפֿן, אָבער מע האָט מיך אַפֿילו ניט אַרײַנגעלאָזט אינעם גאַסטצימער ביז זיי האָבן ניט פֿאַרענדיקט זייער מלאָכה. אַז ס׳איז געוואָרן פֿינצטער, זײַנען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר ייִדן פֿון קעמניץ און אַוועקגעפֿירט דעם טאַטן אויפֿן בית־עולם.

עס האָט גערעגנט, עס איז געווען קאַלט און פֿינצטער, די קעמניצער האָבן זיך געאײַלט און אַלץ איז געווען פֿאַרטיק נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו פֿאַרשטיין וואָס ס׳קומט דאָ פֿאָר.

צום סוף האָט מען מיר אַרײַנגעשטעקט אין דער האַנט אַ קעשענע־לעמפּל און אַ בויגן פּאַפּיר מיט גרויסע געדרוקטע אותיות און געהייסן זאָגן קדיש. וואָס איך האָב געלייענט ווייס איך ניט ביזן הײַנטיקן טאָג.

די קעמניצער זײַנען אַוועקגעפֿאָרן גלײַך נאָך דער לוויה. איך בין געבליבן נעכטיקן בײַ דער מאַמען.

– דו ביסט אַ גוטער זון, מײַן קינד, – האָט געזאָגט די מאַמע און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זי מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

איך בין אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי און צו מיטאָג בין איך שוין געווען אין דער היים. די פֿראַגע ״ווי לעבט מען ווײַטער?״ האָט מיך מער ניט געגריזשעט. איך האָב זיך געגעט מיט מײַן פֿרוי, אַוועק פֿון דער אַרבעט, פֿאַרקויפֿט דאָס הויז און בין אַוועקגעפֿאָרן וואָס ווײַטער פֿון די אַלע, וואָס האָבן מיך געקענט.

פֿון דעמאָלט אָן לעב איך אין אַ פֿאַרוואָרפֿן וואַלדשטיבל און כ׳בין גליקלעך, אַז קיינער זוכט מיך ניט און שטערט מיר ניט. איין מאָל אין חודש גיי איך אין אַ שכנותדיק דאָרף אַ קלונג טאָן דער מאַמען און איַינקויפֿן טאַבאַק, ברויט, טיי און נאָך עפּעס וואָס צו קיַיען. די איבעריקע ציַיט שטיי איך ביַים פֿענצטער אָדער כ׳בין זיך מטפּל מיט מיַינע פֿייגל, חיות און שרצימלעך.

דער טאַטע האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן, – ״חיות, מענטשן... אַ וועטערינאַר, אַ דאָקטער... ס׳איז דאָך דאָס זעלבע.״ ניין, טאַטע, עס איז ניט דאָס זעלבע, וויַיל עס איז מקוים געוואָרן מיַין קינדערטרוים.

מער האָב איך ניט וואָס צו דערציילן. כאָטש, איר ווייסט, נעכטן ביַי דער שקיעה בין איך געשטאַנען ביַים פֿענצטער און דערזען אַ יאַשטשערקע ליגן אויף אַ שטיין, מיטן קעפּל צו דער לעצטער וואַרעמקייט. פּלוצעם האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל אין מיַין זיַיט, גליַיך ווי זי וואָלט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן. אַ רגע, צוויי האָט זי געקוקט אויף מיר און איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן אין אַ כמעט אומזעעוודיקן שפּאַלט. פֿאַרשווּנדן געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי מיַין עבֿר, און דאָס איינציקע, וואָס איך פֿאַרמאָג איז דאָס פֿענצטער, וואָס כ׳האָב אַ מאָל באַקומען בירושה פֿונעם טאַטן. סטיַיטש, זיַיט מיר מוחל, – דאָס פֿענצטער און אויך – די פֿייגל, חיות און שרצימלעך.

*דעם ניַינטן יוני, 2010*



# אַ גלעקל פֿון באָניפֿראַטן

## אַ סוזשעט פֿאַר אַן אַלטמאָדישן ראָמאַן

*לאָנען*

**פֿרִיִער** איז דאָ געווען אַ סאָד, נאָר די צײַט האָט אים אויסגעוואָרצלט. די ערד איז באַוואַקסן געוואָרן מיט חוצפּהדיקע בודיקעס און ביטערע גרעזער. בײַם סאַמע ראַנד פֿונעם פֿעלד איז געבליבן וואַקסן איין בוים און קיינער האָט ניט געקענט זײַן נאָמען, חוץ די, וואָס האָבן געלייענט דעם "רונדן שׂינאה־בוך". דאָס איז געווען דער קראָענבוים. אויף דער לינקער זײַט פֿונעם בוים האָט געלעבט די קראָ און אויף דער רעכטער אַ ראָב. זיי זײַנען געווען זייער אַלט און האָבן פֿײַנט געהאַט די גאַנצע וועלט און זיך אַליין. ערבֿ הושענא־רבה איז פֿונעם בוים אַראָפּגעפֿאַלן אַ שוואַרצע פֿליגל־פֿעדער און צו חצות זײַנען די זיסע וואַסערן ווי אויסגערונען געוואָרן פֿון די ערדאָדערן.

דער חודש תּשרי האָט קודם אָפּגעווײנט און אָפּגעדאַוונט, דערנאָכדעם אָפּגעפּאַסט און אָפּגעטאַנצט. אַ נײַ־געבוירין ווינטל האָט צעזייט און צעטראָגן דעם סכך פֿון די צעשמעטערטע סוכּות און די זון האָט פֿאַרברוינט די אַרויסגעוואָרפֿענע לולבֿים. די אויסגעקושטע מענטעלעך פֿון די ספֿרי־תּורות זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן, און דעמאָלט האָט דער אָסיען אָנגעהויבן בענקען נאָך תּפֿילת־טל, ווי נאָך דעם פֿרילינגטוי.

אָנהייב חודש מרחשוון איז דער בעדוִינער ברונעם, ביר־יאַקוב, אין גאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן און דאַן האָט דער אַלטער שייך אַללאַדין געקוילעט אַלע זײַנע שאָף, צענומען זײַן שוואַרץ געצעלט און פֿאַרלאָזט דאָס פֿעלד. נאָר אַ פּאָר צוגעבלאָנדזשעטע הינט האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן דעם גרוב מיט פֿאַרפֿוילטע שאָפֿענע אינגעווייד, און פֿון צײַט צו צײַט געהאַווקעט אויפֿן שמייכלענדיקן שאָטן פֿון צוויי קראָען, אַרײַנגעוואַקסענע אין לעבן.

דאָס פֿעלד איז געוואָרן ציגל רויט, די גרעזער און בלומען זײַנען אויסגעגאַנגען פֿון דאָרשט און די ערד איז האַרט געוואָרן ווי אַ ייִד אַן עקשן.

באָבע שפֿרה איז געווינט געוואָרן אויפֿצושטיין זייער פֿרי, – אַ דאָרפֿישע ייִדענע, האָט זי קיין מאָל אין איר לעבן ניט געהאַט קיין אייגענעם זייגער. און צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ זייגער, ווען אַ האָן וועקט אויף און די לבֿנה שלעפֿט אײַן.

שפֿרה איז געווען די ייִנגסטע פֿון זעקס טעכטער בײַם ווײַנהענדלער ר׳ מרדכי קאַראַמאַן. ר׳ מרדכי איז געווען דער דריטער דור פֿון אַ רײַכער ספֿרדישער משפּחה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואַלאַכיע מיט יאָרן צוריק. מרדכיס זיידע, ר׳ דאַוד איז געקומען קיין בעסאַראַביע פֿון טערקײַ און געהאַט ניט קיין שלעכטע פּרנסה פֿון היי־און שפּײַז־האַנדל מיט די טערקישע יאַניטשאַרעס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין די גרויסע פֿעסטונגען – אַקערמאַן אויף דרום ביז כעטין אויף צפֿון. ווען די טערקן זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון בעסאַראַביע האָט זיך ר׳ דאַוד באַזעצט אין אַ קליין וואַלאַכיש דערפֿעלע פֿון יענער זײַט פּרוט. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אַשכנזיש מיידל און איז געוואָרן אַ ווײַנהענדלער.

ווען שפֿרה איז געבוירן געוואָרן איז איר עלטער־זיידע שוין פֿון לאַנג געווען אין מתושלחס יאָרן, כּמעט ניט געזען און ניט געהערט, אָבער פֿון אַרײַנגיסן אין זיך אַ קוואָרט גוטן ווײַן האָט ער זיך ניט געקענט אָפּזאָגן. שפֿרה איז געוואַקסן אין אַ פֿאַמיליע, ווו די זיידעס און באָבעס האָבן ניט געקענט פֿאַרגעדענקען אַפֿילו די נעמען פֿון זייערע אָנצאָליקע אייניקלעך; ווו די מומעס און פֿעטערס זײַנען זייער אָפֿט געווען ייִנגער פֿון זייערע פּלימעניקעס און ווו עפּעס אַ באָבע פֿלעגט זיך אַ מאָל אַרײַנכאַפּן גיין צו קינד

אין איין טאָג מיט איר אייניקל, און ווי די גאַנצע צײַט האָט מען געהאַלטן אין איין צובויען אַ נײַעם צימער צו דער אַלטער ליימענער שטוב. הינטערן הויז איז געווען אַ גרויסער פּיהויף און שטאַלן פֿאַר צענדליקער בהמות, פֿערד, ציגן, הינער און אינדיקעס. אַ ביסל ווײַטער פֿונעם פּיהויף איז געווען אַ סאַזשלקע מיט פֿיש אויף שבת און יום־טובֿ, און איבער דער סאַזשלקע, אויף אַ בערגל, אין מיטן דער פּאַשע, איז געווען אַ סטינע מיט שאָף און אַ קעזקאָכערײַ.

אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ שילעכל און אַ הײַזל פֿאַרן היימישן רבֿ און צוויי מלמדים מיט זייערע פֿאַמיליעס. אָבער דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע טײַערסטע איז געווען דער ווײַנקעלער – אַ טיפֿער און אַ לאַנגער, מיט צענדליקער קאַמערן – דאָרט האָבן גערוט גרויסע דעמבענע פֿעסער מיט ווײַן. פֿאַר דעם ווײַנקעלער האָט מען צוגעפּאַסט אַ פֿאַרוואָרפֿענע מינערײַ־שטאָלניע, ווי אַ מאָל פֿלעגט מען אַרויסבאַקומען קאַלכשטיינער פֿאַר בויאַרבעט. בײַ די היגע גויים האָט די שטאָלניע געהאַט אַ שלעכטן שם און זיי פֿלעגן אויסמײַדן צו דערנענטערן זיך צו דעם שרעקלעכן געהיימענישפֿולן אָרט, ווי לויט די אָרטיקע לעגענדעס בלאָנדזשען אַרום די נשמות פֿון דעם נעלם־געוואָרענעם טערקישן מושל און זײַן וואַלאַכישער געליבטער. ייִדן, אָבער, האָבן ניט געגלייבט אין די נאַרישע זאַבאַבאָנעס, נאָר דער אמת איז, אַז די קינדער און ווײַבער איז טאַקע געווען פֿאַרבאָטן אַרײַנגיין אין ווײַנקעלער, ווײַל די ווײַבער און קינדער, אַזוי האָט געטענהט ר׳ דאָוד, ברענגען אַרײַן דעם ווײַן אין כּעס, ער בייזערט זיך און ווערט ביטער ווי גאַל.

אין דער גרויסער משפּחה האָט געהערשט די הלכה און דאָס וואָרט פֿון היימישן רבֿ, ר׳ שמשון, – ער האָט געפּסקנט אַלע

שאלות און אָן זײַן ברכה האָט מען ניט אָנגעהויבן קיין איין ערנסטע אַרבעט, קיין איין געשעפֿט. קיין פֿרעמדע אַרבעטערס זײַנען אין דער משפּחה ניט געווען, אַחוץ דעם שבת־גוי, וואָס פֿלעגט קומען צוויי מאָל אַ וואָך פֿון אַ ווײַטן דאָרף. אָבער אַזוי, אין מיטן דער וואָך, האָט געקלעקט אייגענע הענט, סײַ אויף צו אַרבעטן אין די ווײַנגערטנער און סײַ אויפֿן פּיהויף. מיט די שידוכים אין דער פֿאַמיליע האָט אָנגעפֿירט ר׳ שמשון. און דאָס איז געווען אַ גאַנצע מעשׂה. צי ר׳ שמשון האָט עס ערגעץ ווו געלייענט צי אפֿשר טאַקע אַליין אויסגעטראַכט, נאָר די חתונות אין דער פֿאַמיליע פֿלעגט מען האָבן לויט דער עלטער־אָרדענונג. און אַזוי ווי שׂפֿרה איז געווען די מיזינקע און ניט געקענט חתונה האָבן פֿריִער פֿון די עלטסטע שוועסטער, האָט זי געמוזט וואַרטן אויף איר באַשערטן לאַנגע פֿינעף און צוואַנציק יאָר. אָבער, אַז מע לעבט דערלעבט מען. און שׂפֿרהס טאָג איז געקומען, – מע האָט איר געפֿונען אַ פֿײַנעם חתן, מע האָט געשריבן תּנאָים, געבראָכן טעלער און באַשטימט דעם טאָג פֿון דער חופּה – ל״ג בעומר, דינסטיק.

גלײַך נאָך פּסח, אַ חודש פֿאַר דער חופּה איז געפֿאָרן שׂפֿרה מיט איר טאַטן אין אַ גרויסער שטאָט, אויפֿצונייען אַ חופּה־קליידל, בײַ דעם שנײַדער זיאַמעלע וווליך, – אַזוי האָט גערעשעט ר׳ שמשון.

מע איז אַרויסגעפֿאָרן גאַנץ פֿרי, נאָך דעם ערשטן מנין. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זען די בליִענדיקע סעדער. די צײַט איז געלאָפֿן גיך און פֿריילעך, אָבער צום מיטאָג האָט זיך דער וועטער געביטן, די וואָלקנס האָבן פֿאַרצויגן דעם הימל און אין די פֿעלדער האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ קאַלטער ווינט. ר׳ מרדכי האָט זיך אָבער ניט

געזאָרגט, – דאָס פֿערד האָט געהאַט אַרויפֿגעשלעפּט די בריטשקע אויפֿן הויכן ברעג פֿונעם טײַך, און דווקא אויף יענער זײַט טײַך איז געווען די שטאָט.

פֿון הימל האָט אַראָפּגענידערט אַ קלעפּיקער חושך, ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. ר׳ מרדכי האָט דערלאַנגט אַ בײַטש דעם פֿערד און יענער האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ צום טײַך־איבערגאַנג. אַ שרעקלעכער דונער האָט אויפֿגעדונערט דעם אַרום און אַ הייסע אויפֿרײַס־כוואַליע האָט אַרויסגעוואָרפֿן שׂפֿרהן פֿון דער בריטשקע.

ווען שׂפֿרה איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך געפֿונען ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט לעבן טויטן פֿערד. פֿאַר די אויגן האָבן געשווינדלט פֿילפֿאַרביקע רינגלעך און פֿאַסן, אין די אויערן איז געשטאַנען אַ טעמפּער צעצויגענער קלאַנג, די הענט און פֿיס זײַנען געווען צענהרגט און די פּלייצע איז געוואָרן ווי אַ שטיינערנע. אָבער דאָס סאַמע שרעקלעכסטע איז געווען דאָס, אַז דער טאַטע אירער איז לעבן איר ניט געווען. שׂפֿרה האָט אים געזוכט בײַם טײַך, אין פֿעלד, אינעם סאָד, – אַלץ אומזיסט. און דאַן האָט שׂפֿרה באַשלאָסן זיך אומקערן אַהיים.

דאָס, וואָס שׂפֿרה האָט דערזען אין הויף האָט זי פֿאַרשטיינערט, – אַרום און אַרום זײַנען געלעגן קערפּערס, צענדליקער ווײַבער און קינדער. אין הויף האָבן באַלעבאַטעוועט פֿרעמדע מענטשן מיט העק און ווידלעס. אויפֿן לאַנגן טיש אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ גרויסע פֿאַס פֿונעם ווײַנקעלער... צו דער פֿאַס איז געווען צוגעבונדן איר חתן, און צוויי שיכּורע גויעס האָבן אים געשלאָגן מיט שטעקענעס. שׂפֿרה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פֿרויען, זיי אַוועקגעשטופּט אין אַ זײַט:

– ברוך, געוואַלד געשריִען...

– שפּרהניו... מלחמה... אַנטלויף צו די רוסן... איבערן פּרוט...

– ווּ איז מײַן טאַטע?...

– אַנטלויף...

ברוך האָט אָנגעהויבן ברעכן מיט בלוט...

און שפּרה איז אַנטלאָפֿן...

... דאָס לעבן אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם סיבירער דאָרף איז געווען זייער אַ שווערס, – אָן אַ שפּראַך, אָן אַ משפּחה, אָן אַ פּאַס. דערצו נאָך – די מסוכנע פֿרעסט, אָבער – ניט שרעקלעך. אַ זאַק קאַרטאָפֿליעס אויף אַ מאָנאַט פֿלעגט שפּרה האָבן. אינעם דאָרף זײַנען געווען נאָך צוויי ייִדישע משפּחות, און מע האָט געקענט כאָטש איין מאָל אַ וואָך זיך טרעפֿן און אויסווייינען דאָס האַרץ. איין זאַך, אָבער, האָט ניט געלאָזט זי צו רו, – ווּ איז דער טאַטע? די פֿראַגע אָן אַן ענטפֿער האָט זי ניט געלאָזט שלאָפֿן. פּלוצעם פֿלעגט זי אָנהייבן רעדן צו זיך אַליין, האָט מורא געהאַט פֿאַר די מענטשן מיט העק און ווידלעס, האָט ניט געקענט בלײַבן אַליין אין שטוב. אָבער ווען שפּרה האָט אָנגעהויבן אויסהעלפֿן און פֿירן דאָס הויז אַ ווילן און אַ שטילן וואַרשעווער ייִד מאָטלען, אַן אַלמן מיט צוויי קליינע טעכטער אויף די הענט, דעמאָלט איז איר געוואָרן אַ סך גרינגער. סוף מלחמה האָבן זיי חתונה געהאַט און אַוועקגעפֿאָרן קודם קיין פּוילן און פֿון דאָרטן קיין ארץ־ישׂראל.

מאָטל איז געווען אַ שטילער און אַ ווילער ייִד, מיט אים איז געווען גרינג און רויִק. אַ גוטער בוכהאַלטער, האָט ער באַלד געפֿונען אַן אַרבעט און אין שטוב איז שטענדיק געווען אי מילך פֿאַר די קינדער, אי פֿלייש אויף שבת. אויך אין וואַרשע, פֿאַר

דער מלחמה, האָט מאָטל געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער, און דווקא אין דעם באַוווּסטן ייִדישן משוגעים־הויז ״באָניפּראַטן״. ווען שׂפּרה פֿלעגט אָנהייבן אין מיטן דער נאַכט זוכן אין יעדן ווינקל איר טאַטן און רעדן צו אים און וויינען, דאַן האָט נאָר מאָטל געקענט זי באַרויִקן, און דווקא מיט זײַן ווערטל: ״האָ, שׂפּרהלע, דו הערסט? אַ גלעקל פֿון באָניפּראַטן״. און שׂפּרה פֿלעגט זיך באַרויִקן.

מאָטל האָט שווער געאַרבעט, ווײַל אין דער משפּחה זײַנען שוין געוואַקסן דרײַ קינדער. אָבער, צי קען דען אַלץ זײַן גוט? מאָטל איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויפֿן האַרץ, יעדן מאָנאַט פֿלעגט ער אָפּליגן אַ וואָך צײַט אין שפּיטאָל און איז אין גיכן אַוועק. שׂפּרה איז געבליבן איינע אַליין.

די שטיפֿטעכטער האָבן זיך געלערנט אין אַן אינטערנאַט פֿאַר יתומים און פֿלעגן קומען אַהיים נאָר צוויי מאָל אַ יאָר, – אויף ראָש־השנה און אויף פּסח, נאָר דער זון אירער, יאַנקעלע, אַ פֿינפֿיעריק קינד איז געבליבן מיט איר. אָבער וואָס טוט מען אין אַ גרויסער שטאָט אָן אַ פֿאַך, און ווו נעמט מען געלט אויף צו לעבן? אמת, אַז פֿאַר זײַן פּטירה האָט מאָטל אויסגעקויפֿט די דירה ווו זיי האָבן געלעבט, גלײַך ווי דער מלאך־המוות האָט אים געפֿירט בײַ דער האַנט, און... שׂפּרה איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַ קליין ייִשובֿ, ווײַל דאָרט איז געווען גרינגער מיט אַרבעט, אַ מאָל אין פֿעלד און אַ מאָל אויפֿן פֿיהויף. די דירה אין שטאָט האָט זי פֿאַרדונגען און אויך דאָס האָט געבראַכט אַ פּאָר פּיאַסטער אַ מאָנאַט.

דאָס לעבן לויפֿט און מע קען עס ניט כאַפּן בײַ דער קאָדע. די עלטערע קינדער האָבן געלעבט זייער לעבן, – די עלטערע שטיפֿטאָכטער האָט חתונה געהאַט און געלעבט אין אַ גרויסער

שטאָט, די קליינע, שׂרהלע, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, פֿאַרדינט דאָרט אַ ביסל געלט, זיך אומגעקערט קיין ישׂראל, געקויפֿט אַ דירה און ווידער אַ מאָל אַוועקגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, – דאָס מאָל אויף שטענדיק. אויך יאַנקעלע איז שוין געווען ניט קיין קינד; ער האָט אָפּגעדינט און איז אַוועקגעפֿאָרן דער רוח ווייסט ווו, אויפֿן ווײַטן מיזרח, זיך אַ יאָר צײַט געשליאָנדערט אין אַ לאַנד וואָס אַפֿילו אַ ניכטערער ייִד קען עס ניט אַרויסרעדן. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים שוין אין גאַנצן אַן אַנדער מענטש, ניט יאַנקעלע, נאָר עפּעס אַ פֿאַרשוין מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, ווי אַ קאַטאָרזשניק, אין שוואַרצע בגדים און באָרוועס, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט. אין גיכן האָט ער חתונה געהאַט מיט עפּעס אַ כינעזער אָדער אַ פֿיליפּינער פֿרוי מיט פֿיר קינדער אין בוזעם. שׂפֿרה האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט, אין שׂרהלעס דירה. צו זײַן אַליין אין דירה האָט זי ניט געקענט, און יאַנקעלע האָט איר געקויפֿט אַ הונט, אַ קליין קוטשעראַווע הינטל. די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווען דאָס הינטל איז געפּגרט. שׂפֿרה איז קראַנק געוואָרן און איז אַריבערגעפֿאָרן צו דער עלטסטער שטיפֿטאָכטער אין אַ גרויסער שטאָט. ס׳האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט, – די גרויסע שטאָט האָט זי איבערגעשראָקן, זי האָט מורא געהאַט אַרײַנצוגיין אין ליפֿט און געמוזט זיך שלעפּן צו פֿוס אויפֿן נײַנטן שטאָק. פֿון אַ קוק צו טאָן אין פֿענצטער, צו זען וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן, איז בכלל אָפּגערעדט. און די באָבע שׂפֿרה איז אַנטלאָפֿן צו דעם זון, וואָס ווײַטער פֿון די שרעקלעכע ליפֿטשטײַגן און הויכע הײַזער.

יאַנקעלע האָט שווער געאַרבעט און כמעט ניט געווען אין דער היים. אין דער אַרמיי און אויך שפּעטער, אויפֿן ווײַטן מיזרח, האָט ער זיך אויסגעלערנט עפּעס אַ פֿאַך, וואָס באָבע שׂפֿרה האָט

גערופֿן ״שלעגערײַ״. קיין שלעגער, פֿאַרשטייט זיך, איז יאַנקעלע ניט געווען, נאָר אַ לײַבהיטער בײַ זייער גרויסע פֿאַרשוינען. איין מאָל אין מאָנאַט פֿלעגן קומען צו יאַנקעלען זײַנע פֿרײַנד פֿון דער ״משוגענער אַרבעט״ און זיי פֿלעגן זיך שלאָגן אויף טויט אויפֿן גרויסן הויף. באָבע שׂפֿרה האָט עס פֿײַנט געהאַט, די ווילדע שפּילן מיט געווער און שטעקנס, אָבער גיי קריג זיך מיט היײַנטיקע קינדער.

ס׳איז געווען נאָך אַ סיבה פֿאַר וואָס באָבע שׂפֿרה האָט זיך אומגעקערט אין יִישובֿ, – איר שנור עמעראַלדע איז געווען טראָגעדיק. און כאָטש שׂפֿרה האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשען, אַז איר זון האָט געקענט געפֿינען ״עפּעס בעסערס״, האָט זי אין דער אמתן ניט געקענט האָבן קיין טענות צו דער שנור. עמעראַלדע איז געווען אַ שטילע סימפּאַטישע פֿרוי, אַ צוכט, האָט ניט געקענט קיין איין וואָרט יִידיש, העברעיִש אָדער וואַלאַכיש. אַ מחיה... קיין בעסערס האָט באָבע שׂפֿרה ניט געדאַרפֿט, – דאָ, אין יִישובֿ, איז שטיל, אַ דאַך איבערן קאָפּ האָט זי, און אויב חס־וחלילה טרעפֿט עפּעס, איז דאָ ווער עס זאָל צוטראָגן אַ גלאָז וואַסער.

די גאַנצע שטוב איז געלעגן אויף עמעראַלדעס איידעלע פּלייצעס. יאַנקעלע פֿלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין דער היים אויף עטלעכע שעה בײַ טאָג און שפּעט בײַ נאַכט. און אַזוי יעדן טאָג, יעדע וואָך... וועגן צוהעלפֿן אין שטוב איז ניטאָ וואָס צו רעדן. אַ האַלבן טאָג האָט עמעראַלדע געאַרבעט אין איר וואַרעמהויז אין גאָרטן, ווו אַ גאַנץ יאָר זײַנען געוואַקסן כל־מיני גרינסן, עקזאָטישע גרעזער און געווירצן, ווײַל יאַנקעלע האָט ניט געגעסן קיין פֿלייש, נאָר קאַשעס, גרינס און פֿרוכטן. די צווייטע העלפֿט פֿון טאָג פֿלעגט עמעראַלדע פֿאַרברענגען אין איר

קליינער סטודיאָ אין ווײַטן צימער פֿון דער שטוב. דאָרט האָט זי אויסגעאַרבעט זייער עלעגאַנטע הילצערנע און פּאַפּירענע פּאָכערס, אויסגעריסעוועטע מיט שיינע רויזן. עס ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען ניט קיין שלעכטע פּרנסה, ווײַל איין מאָל אין צוויי וואָכן פֿלעגט קומען צו עמעראַלדען עפּעס זייער אַ גרויסער נאַכלייִעדיקער ייִד, זומער און ווינטער אין דעם זעלבן לײַבהעמד און שטענדיק באָרוועס. ער פֿלעגט צונעמען אַלע פֿאַרטיקע פּאָכערס, עטלעכע קאַסטנס מיט גרינוואַרג און דערויף איבערלאָזן אַ דיקן קאָנווערט מיט געלט. ווען עמעראַלדע האָט דערפֿילט, אַז זי איז טראָגעדיק, איז זי צוזאַמען מיט אירע קינדער אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ באַזוך צו די עלטערן און האָט זיך אומגעקערט אַליין, אָן קינדער.

באָבע שפֿרה איז געווען צופֿרידן, – אין ייִשובֿ איז געווען שטיל, מע האָט געקענט זיצן בײַם פֿענצטער און זען וואָס סע טוט זיך אין דרויסן, בײַ די שכנים, אין פֿעלד.

דער ערשטער טאָג בײַם זון איז שטיל פֿאַרגאַנגען און ווען יאַנקעלע האָט זיך אומגעקערט בײַ נאַכט פֿון דער אַרבעט האָט באָבע שפֿרה שוין געהאַט געשלאָפֿן.

בײַ נאַכט איז געוואָרן קילבלער. אַ קלאַנגלאָז ווינטל האָט אַ גלעט געטאָן די יונגע לבֿנה און אַראָפּגענידערט צו דער ערד. דער קראָענבוים האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט די פֿעדערן און אויפֿגעוועקט דעם אַלטן ראָב. ער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט די פֿליגל און געוואָרפֿן אַ בייזן בליק צום ווײַטן עק פֿעלד. דאָרט, בײַם ראַנד פֿון אַ קליינעם אַראַבישן דאָרף האָט געשטאַרצט פֿון דער ערד אַ הויכער מינאַרעט פֿון אַן אַלטן מעטשעט. ״כ־כ־ר־ר־ר״, האָט אומצופֿרידן אַ כאָרכל געטאָן דער ראָב. עס איז געקומען די צײַט פֿון האָנעך־קרייען. אויפֿן מינאַרעט פֿון דעם

מעטשעט האָט אַרויפֿגעקלעטערט אַ פֿאַרסאַפּעטער אַלטער מועדזין און דאַן איז פֿונעם קראָענבוים אַראָפּגעפֿאַלן דער צווייטער שוואַרצער פֿליגל־פֿעדער.

באָבע שפֿרה איז שוין פֿון לאַנג ניט געשלאָפֿן, – עפּעס אַ שווערער געדאַנק האָט זי אויפֿגעוועקט גלײַך אין מיטן דער נאַכט. זי האָט געהערט ווי עמעראַלדע דרייט זיך אַרום אין קיך, האָט געהערט ווי יאַנקעלע איז אַוועקגעפֿאָרן צו דער אַרבעט, און נאָר דאַן איז באָבע שפֿרה אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט, איז צוגעגאַנגען צום אָפֿענעם פֿענצטער און פּשוט געקוקט אויפֿן שטילן פֿעלד, – אָן שווערע געדאַנקען, אָן עפּעס אַ ניט קיין גוטן פֿאָרגעפֿיל, נאָר אַזוי שטיל און רויִק, ווי זי וואָלט געהאַלטן בײַם געזעגענען זיך מיט דער צוקונפֿט. די האַרבע און צעצויגענע שטים פֿונעם מועדזין האָט זי אָפּגעוואָרפֿן אין אַ זײַט און באָבע שפֿרה איז אומגעפֿאַלן אויפֿן פּאָל. דאָס חרובֿע בריקל פֿון הײַנט אין מאָרגן איז אײַנגעבראָכן געוואָרן, עס זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן קלאַנגען און פֿאַרבן, – באָבע שפֿרה איז געבליבן ליגן אינעם תּהום פֿון ״נעכטן״.

◆

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי...

מען ענטפֿערט ניט. יאָ, ווער קען ענטפֿערן ווען דער בחור, ווי הייסט ער?... איז אויף דער אַרבעט און דאָס יונגע ווײַבל... גאָטעניו, ווי הייסט זי?... גוט, דאָס ווײַבל פּאָרעט זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער ערד. האָ, עמעצער שטייט דאָ...

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי... האָ, ווער ביסטו? ״טשינע

סינטעץ[1]?״ טאַטע, ווּ ביסטו, טאַטע?...

וואָס־ווער־ווען... אַ נעכטיקער טאָג... אָט שטייט זי, די גנבֿטע, מיינט אַז איך זע גאָרניט...

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי...

– זי ענטפֿערט ניט... מילא, גיי דערצייל אַ גויקע וועגן ייִדישע צרות...

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי...

– ריר ניט אָן מײַנע זאַכן. אַ גנבֿטע וואָס דו ביסט... נו, ווי געפֿעלט עס אײַך?... זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק. אַטפֿו אויף דיר.

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי... טאַטע, ווּ ביסטו? טאַטע...

– ווער זענט איר? איר זאָלט ניט אָנרירן מײַנע זאַכן. דאָס זײַנען מײַנע זאַכן. איר שעמט זיך ניט? נאָר גיט אַ קוק, איך רעד צו זיי און זיי מאַכן זיך ניט הערנדיק. אוי־יאָי־אוי... עמעצער קען מיר שוין געבן עסן? צי איר ווילט, אַז איך זאָל אויסגיין פֿון הונגער?...

– איר האָט דאָך אָפּגעגעסן מיט צען מינוט צוריק. איר ווילט נאָך?

– יאָ!... ״נו פּאָט סע פּי[2]״... עס קען ניט זײַן. אוי־יאָי־אוי...

– זײַט מיר מוחל, ווער זענט איר עפּעס, מאַדאַם? איר האָט ניט געזען מײַן טאַטן? ניין?... האָ, זי שווײַגט... זי מיינט, אַז מיר זײַנען פֿון די פּשוטע... מײַן טאַטע האָט געהאַט ווײַנגערטנער און שאָף. איז זיצט און שווײַגט! איר האָט מיך פֿאַרשטאַנען? איר מיינט, אַז

[1] טשינע סינטעץ – רומעניש – ווער זענט איר?

[2] נו פּאָט סע פּי – רומעניש – עס קען ניט זײַן

איך זע ניט ווי איר גנבֿעט מײַנע זאַכן?... שעמט זיך, מאַדאַם!...

– מאַמע, איר ווילט עסן? איך האָב אָפּגעקאָכט פֿאַר אײַך אַ מאַמעליגע.

– וואָס פּלוצעם מאַמע?... ווער איז מאַמע?... מאַמע־ליגע... אַ ייִד זאָגט ניט מאַמעליגע, אַ ייִד זאָגט "מאַליגע"... "שי מאַליגע שי מאַלײַ, אײַ־אײַ־אײַ"[3]... מאַליגע האָט זי אָפּגעקאָכט... ווער קען עס איצט עסן? ווילסט מיר פֿאַרשמירן די אויגן מיט די שיינע ווערטער? מאַמע... ליגע...

– מאַמע, גיט אַ טרונק. אָט איז אײַער טיי.

– אוי־יאָי־אוי... אוי־יאָי־אוי... טאַטע, וווּ ביסטו?...

– שפּרהניו, איך בין דאָ, לעבן דיר.

באָבע שפּרה איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן און עמעראַלדע איז אַרויס פֿונעם צימער.

שוין אַ וואָך צײַט ווי די אַלטיטשקע האָט אויפֿגעהערט דערקענען מענטשן, זי איז געלעגן אין בעט, געזונגען און גערעדט, ווי פֿון היץ. עמעראַלדע איז געזעסן לעבן באָבע שפּרהס געלעגער טאָג און נאַכט, האָט זי געוואַשן און געקעמט, געגעבן טרינקען עסענץ פֿון זעלטענע גרעזער, געהאָדעוועט זי פֿון אַ לעפֿעלע. ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿן, – די כוחות האָבן זי פֿאַרלאָזט און באָבע שפּרה האָט געצאַנקט ווי אַ שוואַך קאַנעצל.

– טאַטע, וואָס שווײַגסטו?

– וואָס קען איך דיר זאָגן? דו ווייסט דאָך אַלץ אַליין, אָן מיר...

[3] שי מאַליגע שי מאַלײַ – רומעניש – סײַ מאַמאַליגע, סײַ מאַלײַ

– וווּ זײַנען מיר איצט? אין תּישרי?

– ניין, איצט איז שוין מרחשוון. דו פֿילסט? הײַנט וועט רעגענען.

– טאַטע, כ׳האָב מורא צו שטאַרבן.

– רעד ניט קיין נאַרישקייטן.

– טאַטע, נאָר שטעל זיך פֿאָר... דו ליגסט דאָרט ווי אַ גולם און דאָס וואַסער רינט דיר אַרײַן אין מויל... טאַטע... ניין, ווער זענט איר? מאָטל, מײַן טײַערער, מאָטל...

– שלאָף, מײַן אוצריניע, שלאָף אײַן. הער זיך צו, דו הערסט דאָס גלעקל? דו הערסט?

– יאָ... דאָס גלעקל פֿון באָניפֿראַטן...

... דער קראָענבוים האָט אַ ציטער געטאָן מיט די פֿעדערן. מע האָט געקענט זען ווי די צײַט רינט אַרײַן אין דעם אַלטן שטאַם און ווי די מוראַשקעס פֿון עמעצנס אָטעם קריכן שורותווײַז אונטער דער קאָרע, און דווקא אין איין ריכטונג, צו די וואָרצלען, אין דר׳ערד אַרײַן.

... אַ קליין פֿעדערל איז געלעגן אונטער באָבע שפּרהס נאָזלעכער און האָט זיך ניט גערירט. און אין דער אָ רגע איז געבוירן געוואָרן די שורה – ״פֿריִער איז דאָ געווען אַ סאָד, נאָר די צײַט האָט אים אויסגעוואָרצלט...״



# חנוכּה־געלט אונטערן ניטלבוים

**פֿון** קינדוויַיז אָן האָב איך געהאַט צו טאָן מיט דער לבֿנה. און ניט אַזוי מיט דער לבֿנה גופֿא, וויַיל ווּ איז די לבֿנה און ווּ בין איך, נאָר מיט דער השפּעה פֿון דער לבֿנה אויף מיַינע נאַקעטע נערוון. קיין נאַכטוואַנדלער, גאָט צו דאַנקען, בין איך קיין מאָל ניט געווען, נאָר דער אייבערשטער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ באַזונדערש איידעלער און דינינקער הויט, – וויַיס ווי דער טאָג... עס זעצט זיך אָפּ אויף מיַין הויט אַן אומזעעוודיק שטיַיבעלע, – שוין, כ׳ווער אומרויִק, כ׳פֿיל זיך אומבאַקוועם און קען זיך ניט געפֿינען קיין אָרט. אָבער אויך דאָס איז נאָך ניט אַלץ... טשעפּעט צו דער איידעלער הויט צו די חייִשע חוש־השמיעה און חוש־הריח און דאַן וועט איר אפֿשר אָנהייבן מיר מקנא זיַין. די אַלע גליקן זיַינען ניט, חס־וחלילה, עפּעס אַ זעלטענע קרענק, ניין. איך ווייס ניט אַפֿילו ווי זעען אויס די פּילן און וואָס פֿאַר אַ טעם האָבן זיי. פּשוט, מיַינע גוף און נשמה, פּונקט אַזוי ווי ביַי אַ וואָלף, האָבן עפּעס אַ גליַיכע סודותפֿולע שיַיכות צו דער לבֿנה. ווען איך אַליין וואָלט געדאַרפֿט אויסקליַיבן זיך אַ נאָמען, וואָלט איך זיך גערופֿן וועלווועלע אָדער כּלבֿטשי... איר לאַכט?... נו, נו, אַ גוט געלעכטער...

ווען די לבֿנה וואַקסט, וואַקסן צוזאַמען מיט איר מײַנע כּוחות און די שׂימחה פֿון לעבן אויף דער העלער וועלט. די באָבע גאָלדע, אַ לעבן אויף איר, האָט שטענדיק געוווּסט, אַז אין די ״וואַקסנדיקע״ טעג קען מען זיך פֿאַרלאָזן אויף מיר, און זי פֿלעגט מיר פֿאַרטרויען איבערצוזיפּן די מעל, אויסקאַטשען דאָס טייג און, דאָס וויכטיקסטע, – מיט אַ דינינקער טייגלאָז אויסקוועטשן פֿונעם דופּטיקן טייגבלעטל די גלײַכע ״פֿולע לבֿנהלעך״ פֿאַר די צימרינג־פּלעצעלעך אויף שבת. די באָבע גאָלדע האָט זיך געפֿרייט, אַז איך וואַקס אַזאַ פֿעיִק ייִנגעלע. ״ווייס איך וואָס, – פֿלעגט אַ בורטשע טאָן דער טאַטעשי, – בעסער וואָלט ער גענומען אַ לערנביכל אין דער האַנט אָדער אָנגעהאַקט אַ קלעבע האָלץ פֿאַר דער הרובע. אַ פּלעצל־מאַכער... נאָר מע פּטרט די צײַט... און בכלל, מע דאַרף האָבן אײַזערנע ציין צו זײַנע פּלעצעלעך.״ שוין... אויס יום־טובֿ... נאָר, נישקשה, טאַטעשי, נישקשה... אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך באַדעקן די גאַנצע וועלט מיט מײַנע פֿריילעכע לבֿנה־פּלעצעלעך. וועסט נאָך זען...

אַז די לבֿנה פֿלעגט אָנהייבן זיך צו פֿאַרמינערן פֿלעג איך אָנהייבן צו קרענקען. ״מע דאַרף גיבן דעם קינד אַ ביסל פֿישאייל. ס׳וועט העלפֿן״, – פֿלעגט יעדעס מאָל אַן עצה געבן די קינדער־דאָקטערשע באַסיע. און יעדן אינדערפֿרי אין משך פֿון אַ וואָך צײַט האָב איך געמוזט זיך וואַרגן מיטן שטינקעדיקן פֿישאייל. פֿע!!! נאָר אַ תּמעוואַטע קאַץ אָדער אַ גראָבער בער קענען הנאה האָבן פֿון לעקן אָט די אָ שטינקעדיקע פּאַסקודסטווע. אַטפֿו זאָל זי ווערן!... אָבער פֿון דער צווייטער זײַט, אַז איר פֿאַרקלעמט די נאָז מיט צוויי פֿינגער, און נעמט אַ טראָפּן פֿישאייל און קאַפּעט אים אָן אין אַ שעלעכל מיט ברונעם־וואַסער, זעט אויס דער

טראָפּן אייל ווי די פֿולע לבֿנה. אָבער... איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, מע דאַרף דאָך זײַן אַ פּאָלנע אידיאָט כּדי צו פֿאַרגלײַכן די פּעטע פֿישאייל־לבֿנה מיט אַ קרוכלע צימרינג־פּלעצל.

מיט דער פֿרייד אויף פּורים אָדער אויף פּסח איז אַלץ געווען קלאָר, – די לבֿנה וואַקסט זיך פּאַוואָליטשקע און צום ערבֿ־יום־טובֿ ווערט זי פֿול מיט לעבן און פֿרייד, ממש אַ גאָלדן רענדל.

צווישן אונדז גערעדט, קען איך אַ סודותדיק מיטל ווי אַזוי פֿאַרוואַנדלט מען אַ פּשוטע נאַכט אין אַן אמתער שׂימחה. אָט הערט... נאָר איך בעט אײַך, דערציילט עס ניט דעם טאַטעשי, ווײַל ער וועט מיך באַשטראָפֿן פֿאַר מײַנע "שיינע קונצן", – "הלמאַי דאָס קינד פּטרט די צײַט אויף נאַרישע זאַכן? בײַ נאַכט דאַרף מען שלאָפֿן, אַז אין דער פֿרי זאָל מען האָבן אַ קלאָרן קאָפּ צום לערנען! נע־ע־ע... איך זע, אַז דער גאַרטל בענקט נאָך דײַן דאַרן תּחת!!!" "נעם עס ניט צום האַרצן, מײַן קינד, – וואָלט אַ שעפּטשע געטאָן די באָבע גאָלדע, – וואָס ווילסטו?... אַ בעזבאָזשניק[4] בלײַבט אַ בעזבאָזשניק. וואָס קען ער שוין וויסן פֿון נסים־ונפֿלאָות?... פֿון מקדש־לבֿנה זײַן,[5] פֿון י"ד־חזקה, פֿון ט"ר־שׂימחה און פֿון ט"ז אין הימל?..." איך בין זיכער, אַז פּונקט אַזוי וואָלט עס פֿאָרגעקומען ווען דער טאַטעשי וואָלט נאָר דערשמעקט אין וואָס עס באַשטייט מײַן סודותדיקער מיטל פֿון פֿאַרוואַנדלען אַן איינפֿאַכע נאַכט אין אַן אמתער שׂימחה. בקיצור, אָט, הערט...

קודם־כּל, – די צוגרייטונגען... מע דאַרף זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט און מאַכן אַן אָנשטעל, אַז איר שלאָפֿט. ווען

[4] בעזבאָזשניק – אַן אַפּיקורס
[5] פֿאַרצויגן פֿון "מחדש זײַן די לבֿנה"

פֿונעם אַלקער וועט זיך לאָזן הערן דעם טאַטעשיס קורץ כראָפּען, דאַן קען מען פּאַוואָליטשקע אויפֿשטיין פֿון בעט און צוגיין, ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף די ציפּעטשקעס[6], צום פֿענצטער. און איצט... זײַט פֿאָרזיכטיק בײַם אַוועקרוקן אין דער זײַט די געקרײַזלטע פֿאָרהענגלעך. הייבט אָן פֿונעם רעכטן פֿאָרהענגל און רוקט אים אַוועק ביז דער ברייטער שפּאַלט צווישן די לאָדנס. פֿאַרטיק?... דאַן נעמט זיך צום לינקן פֿאָרהענגל און רוקט אים אָפּ אין דער זײַט. מאַכט עס גאָר פּאַמעלעך און פֿאָרזיכטיק, ווײַל די פֿולע לבֿנה, אַ לעבן אויף איר, קומט שטענדיק נאָר פֿון דער לינקער זײַט. מע דאַרף נאָר האָבן געדולד און אָטעמען מיטן מויל און ניט מיט דער נאָז, ווײַל פֿון דער שיינקייט, וועלכע איר האָט געפֿאַנגען אין אַ שפּאַלט צווישן די לאָדנס, קענט איר, גאָט באַהיט, אָנהייבן צו סאָפּען... און דאַן וועט איר אויפֿוועקן דעם טאַטעשי און שוין... אויס יום־טובֿ...

פֿאַרשרײַבט אײַך, אַז איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן, אַז אָט דער אָ מיטל איז גוט נאָר אויף פּורים און אויף פּסח, – דאָס טיילט אײַך צו אַ שטיקל סודותדיקע אינטימע שׂימחה, נאָר גיט אַכט און סאָפּעט ניט פֿון התלהבֿות, ווײַל וואָס וועט ווערן פֿון אײַער הינטן, ווען איר וועט אויפֿוועקן דעם טאַטעשי, ווייסט איר שוין... אַז ווייִ׳ז אײַער דאַר תּחתל...

וואָס קומט איצט? איצט קומט חנוכּה... יאָ, מיט אויסקריגן אַ שטיקל לבֿנה אויף חנוכּה איז אַ פּראָבלעם, אַ קרענק, ממש אַ חלאַת... דער מיטל מיט כאַפּן די לבֿנה אין דער שפּאַלט צווישן די לאָדנס טויג ניט פֿאַר דער חנוכּה־צײַט. ממש אַ צרה!... אויך מיר אַ יום־טובֿ... פֿינעף און צוואַנציק טעג אין כּיסלו... וואָס איז

[6] ציפּעטשקעס – שפּיצפֿינגער

אַזוי גרויס די שׂימחה?... די לבָנה ווערט אַ תּל, זי קרענקט און איך קרענק איר נאָך. קוים דערלעב איך ביזן ראָש־חודש טבֿת און זאת־חנוכּה... איר זאָלט, חלילה, ניט איבערקערן מײַנע ווערטער, בנאמנות... צו זאָגן, אַז איך בין אין גאַנצן אומגליקלעך, דאָס קען איך ניט, ס׳וואָלט דאָך געווען אַ ליגן. אמת, דער פֿישאייל דערגייט מיר די יאָרן און איך לויף מייקען יעדע פֿינעף מינוט, פּונקט ווי, להבֿדיל, אונדזער שטענדיק טראָגעדיקע קאַץ. נאָר וואָס... פֿון פֿינפֿטן ליכטל אָן און ביז זאת־חנוכּה ווערן מײַנע קעשענעס פֿול מיט קליינגעלט. אין אַ מזלדיק יאָר זאַמל איך אָן ביז צוואַנציק פּרות[7] חנוכּה־געלט, כ׳לעבן. אויף דעם געלט קען איך קויפֿן אַזש צוויי פּושקעלעך מיט פּיסטאָנען פֿאַר מײַן הילצערנעם פּיסטויל. אָוואַ!... איר קענט זיך פֿאָרשטעלן אַזאַ זאַך?... צוויי הונדערט פּיסטאָנען... אוף... עס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל... לטובֿת די הילכיקע פּיסטאָנען בין איך גרייט צו פֿאַרגעסן אין דער לבָנה־קרענק און אין באָבעס וואָרטשען, – ״נאָר דאָס פֿעלט אונדז אויס... עס איז ניט גענוג, אַז די גויים שיכּורן זיך אָן אויף זייער ניטל־חגא און שיסן אין אַלע זײַטן, שיסן זאָל זיי אין בויך און אויערן... אויך דו, ניט פֿאַר דיר געדאַכט, פֿירסט זיך אויף ווי אַ שקוץ?... וואַרף אַוועק דעם פּיסטויל דײַנעם און נעם זיך צום ביכל... אוי, אַ צרה אויף מײַן קאָפּ!!! עס וואַקסט בײַ אונדז אַ באָסיאַק, אַ באָסיאַק וואַקסט בײַ אונדז!...״

אָט, זעט איר שוין... די באָבע גאָלדע, אַ לעבן אויף איר, האָט זיך אָנגעשטעקט פֿונעם טאַטעשי מיט די זידלווערטער. אָבער, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?... די באָבע איז געווען גערעכט, – חנוכּה־צײַט איז געווען די געפֿערלעכסטע צײַט פֿאַר די ייִדישע

[7] פּרוּת – אַ מטבע מיט אַ קאָפּ פֿון אַ קו אויף דער אָדלערזײַט

קינדער, באַזונדערש ווען חנוכּה איז געווען האַרט נאָענט צו דעם, להבֿדיל, פּראַוואָסלאַוונעם ניטל. די גויים פֿלעגן אָנהייבן טרינקען־פֿײַערן אַ חודש פֿאַר דער ניטל־חגא און געהאַלטן אין איין ווילדעווען אַזש ביז דער ״גרינער חגא״, ס׳הייסט, ביז שבֿועות. ס׳איז דען אַ קלייניקייט?... מע דאַרף האָבן אײַזערנע כּוחות אויף צו זשליאָקען פֿינעף חדשים אָן אַן איבעררײַס. ס׳איז גאָר ניט לײַכט. צווישן אונדז גערעדט, איך זאָג עס אײַך גאָר ערנסט, ווי אַ געוועזענער מבֿין. אויף אונדזערע שׂונאימס קעפּ אַזאַ גליק... אָבער לאָמיר איצט ניט רעדן וועגן די טרויעריקע זאַכן, ס׳וועט נאָך קומען די צײַט צו באַגראָבן און באַוויינען דעם ״ביטערן טראָפּן״, נאָר די באַהאַלטענע אומרויִקייט און דאָס בענקען נאָך דער פֿולער לבֿנה קומען כּסדר, יאָר־אײַן יאָר־אויס, און טאַקע תּמיד אין דער זעלבער צײַט, – האַרט נאָענט צו חנוכּה, – איך קען זיך ניט געפֿינען קיין אָרט, עס קלעמט מיר בײַם האַרצן, כ׳קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן. דער פֿרישער שניי מאַכט ניט ריינער מײַן סמוטנעקייט, די געדאַנקען שפּרינגען מיר איבער די הימלען... און דער שמייכלדיקער יצר־הרע קריכט מיר אַרײַן אין די אָדערן און פּראַוועט אַ חתונה...

... דער ערשטער חנוכּה אָן דער באָבע גאָלדע... די לבֿנה קרענקט און מיט איר צוזאַמען קרענקט אויך מײַן נשמה.

די לאַנגע יאָרן אינעם שיינעם ״גלות״, אין פּיטער[8] מיין איך, האָבן אָנגעשטאָפּט מײַן קאָפּ מיט טויזנטער נעמען פֿון שרײַבערס און זייערע ביכער, ווײַל כ׳האָב זיך געגרייט צו ווערן אַ לערער אַ פֿילאָלאָג, נאָר קיין גײַסטיקע רו האָבן די שרײַבערס און

[8] פּיטער איז אַ פֿאָלקסטימלעכער צונאָמען פֿאַר סאַנקט־פּעטערבורג, פּעטראָגראַד, לענינגראַד

זייערע ווערק מיר ניט צוגעגעבן. וואָס איז אַזוינס מײַן לעבן אויף דער וועלט האָב איך אַלץ ניט געוווּסט, און איך האָב זיך גענייטיקט אין מײַן באָבע, נאָר דער גרויער שטיין אויף איר קבֿר איז געווען שטאַרקער פֿון מײַן ווילן. די באָבע האָט געשוויגן, די לבֿנה האָט געשוויגן, מײַן האַרץ האָט געוויינט... און אַפֿילו די תּלמידים מײַנע האָבן ניט געקענט מאַכן פֿריילעכער מײַנע ביטערע ליפּן.

מײַן באָבעס שוועסטערקינד דבֿורה האָט זיך געגרייט אָפּפֿאָרן קיין ישׂראל און נאָר געוואָלט מיך מיטנעמען מיט זיך. "וואָס האָסטו פֿאַרלוירן בײַ די פֿאָניעס? – פֿלעגט זי טענהן, – זיי וועלן דיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, וועלן אויסצאַפּן פֿון דיר דאָס בלוט און די נשמה, און אַרויסוואַרפֿן אויף דער פֿאָמויקע, ווי אַן אויסגעניצטע ליאַלקע." אַפֿילו דעם טאַטעשי מײַנעם, דעם בעזבאָזשניק, וועלכער האָט אַפֿילו ניט געוואָלט הערן וועגן די "ציוניסטן", האָט זי איבערגעצײַגט, אַז אין ישׂראל וועט מיר זײַן בעסער און כ׳וועל זיך ניט שליאָנדרען מיט די שיקסעס און כ׳וועל זיך ניט אַרײַנליאַפּען אין אַ "שיינער געשיכטע", ווי יאָסקע, דער שכן אונדזערער, בײַ וועלכן די שיקסע זײַנע האָט אויסגעצאַפּט דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס, און צום סוף פּרשה איז זי אַנטלאָפֿן דער רוח ווייסט ווּהין מיט אַ פֿרעמדן זשלאָב אַ הולטײַ, און יאָסעלען האָט זי איבערגעלאָזט אַ פּיצל ממזרל אויף די הענט, – "אָט דאָסווילט איר? אַ שיקסע מיט אַ ממזר?" קיין לעבעדיקן ציוניסט האָט מײַן טאַטעשי קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען, נאָר פֿאַר אַ שיקסע מיט אַ ממזרל האָט ער מורא געהאַט מער ווי פֿאַר די אומבאַקאַנטע ציוניסטן.

איך ווייס ניט ווער האָט מיך פֿאַרמסרט, נאָר פֿון דער שול האָט מען מיך גלײַך אַרויסגעוואָרפֿן, – "אַ ציוניסט אַ פֿאַררעטער

טאָר ניט זײַן קיין לערער פֿון אונדזערע ריינע קינדער, די קינפּטיקע בויערס פֿונעם ליכטיקן קאָמוניזם..."

אַהיים, צו די עלטערן אין שטעטל האָב איך זיך ניט אומגעקערט, ווײַל כ'האָב זיך געשעמט פֿאַר די שכנים און באַקאַנטע, דעריבער בין איך געבליבן אין טעגינע און אָנגעהויבן צו זוכן אַ שטיקל צײַטווײַליקע אַרבעט, – סײַ ווי אין אַ יאָר אַרום וועל איך ווידער דאַרפֿן זוכן אַרבעט, אין ישׂראל.

אונדזער טעגינע איז ניט קיין גרויסע שטאָט, אָבער פֿאָרט אַ שטאָט, אַן אַלטע און אַ שיינע, און וויכטיקער פֿון אַלץ איז דאָס, אַז יעדער איינער קען דעם צווייטן, באַזונדערש בײַ ייִדן. אויף שׂימחת־תּורה האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שיל אַרײַן און עמעצער האָט מיר אײַנגערוימט אין אויער, אַז אין אַזאַ און אַזאַ רעסטאָראַן זוכט מען אַ היימישן זינגעוודיקן פּיאַניסט, און טאַקע אויף איין סעזאָן. גוט, אַ רעסטאָראַן? זאָל זײַן אַ רעסטאָראַן.

די אַרבעט איז געווען אַן אינטערעסאַנטע, ניט קיין שווערע, נאָר אַ ביסל אַ "באָסיאַצקע" אַרבעט, ווי עס פֿלעגט דאָס אָנרופֿן מײַן באָבע, כאָטש איך פֿערזענלעך בין ניט זיכער צי מײַן באָבע איז אין איר לעבן געווען אין אַ רעסטאָראַן, און אויב יאָ, טאָ זיכער נאָך פֿאַרן ערשטן וועלטקריג, און ניט אַנדערש ווי ערגעץ ווו אין טשערנאָוויץ אָדער אין אָדעס. אָבער אַ שטיקל אמת איז אין אירע ווערטער יאָ געווען.

דער רעסטאָראַן האָט געהאַט אַ גוטע קיך און אין אָוונט געדינט נאָר פֿאַר די קאָרפּאָראַטיווע הוליאַנקעס. מע האָט געדאַרפֿט באַשטעלן דעם זאַל פֿון פֿאָרויס און דער באַלעבאָסטע האָט בכלל ניט אינטערעסירט וויפֿל מענטשן וועלן קומען און ווער וועט קומען הוליען. באַצאָלט, ביטע, די באַשטעלטע סומע

– און הוליעט אײַך געזונטערהייט. איך געדענק, אַז אַ גאַנצן חודש פֿאַר ניטל האָבן אין אונדזער רעסטאָראַן געהוליעט די קרימינעלע חבֿרה. אויף מײַן באָבעס לשון – באָסיאַקעס, אורקעס, אויסוואָרפֿן, די שמאַרעס[9] מיט גאָלדענע הענטלעך און די זונות מיט אײַזערנע פּלייצעס. מיר, אָבער, איז געווען אַלץ איינס. מע צאָלט? זאָג "אַ דאַנק" און גיי ווײַטער שפּילן.

אָבער, ניט דאָס בין איך אויסן... אויף איינער פֿון די קרימינעלע הוליאַנקעס האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סימפּאַטישן אינטעליגענטן מענטשן, זייער ענלעך אויף מיקעלאַנדזשעלאָס "דוד". שרגא איז געווען זײַן נאָמען, און זײַן פֿרוי האָט געהייסן וואַסיליסע. איר וועט טאַקע לאַכן, נאָר דער דאָזיקער שרגא איז געווען אַ ריינער גוי און זײַן וואַסיליסע איז געווען אַ כּשרע ייִדענע. איך האָב געוווּסט, אַז דער אָ שרגא איז עפּעס אַן אינזשעניר, נאָר ניט געוווּסט, אַז אין דער זעלבער צײַט איז ער אַ באַרימטער קאָרטן־שפּילער, ממש אַ גרויסער מומחה, אַ גאָון, איך מיין זײַן צווייטן פֿאַך.

איך בין שטענדיק געווען גאָר ווײַט פֿון אַזאַרטשפּילן, נאָר מיר איז געווען זייער אָנגענעם, אַז אַזאַ גרויסער אויטאָריטעט, ווי שרגא, וואַרט אויף די הפּסקות אין אונדזער שפּילן כּדי מאַכן מיט מיר אַ שנעפּסל און באַהאַנדלען עפּעס אַ נײַ בוך אָדער די וועגן פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

קיין נײַע חבֿרים און אַפֿילו קיין צײַטווײַליקע חבֿרטע האָב איך אין טעגינע ניט געהאַט, ווײַל די מומע דבֿורה האָט מיר פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט אירע נודנע וואָרענונגען, אַז אין ארץ־ישׂראל וועל איך "דעריאָגן דעם צוג" און כ'וועל האָבן אַזוי פֿיל

---

[9] שמאַרע – זונה

שיינע כשרע יִדישע מיידלעך וויפֿל מײַן נשמה גלוסט און מײַן פּופּיק קען אויסהאַלטן. האָב איך זיך געהיט פֿון אַרײַנלײַאַפּען זיך אין אַ ״מעשׂה״, דעריבער האָט מען מיר צוגעטיילט אַ צונאָמען ״מאָנאַך״.

פֿון אַלע מײַנע באַקאַנטע איז נאָר שרגא געווען עפּעס אַנדערש ווי אַלע. קודם־כּל, איז ער געווען אַ סך עלטער פֿון מיר און צווייטנס, איז ער קיין מאָל ניט געקראָכן אין דער נשמה. איז פֿאַר וואָס זאָל איך מיט אים ניט באַהאַנדלען אַ נײַ ביכל אָדער אַ ליד?... כ׳בין דאָך יונג און נײַגעריק. עס קומט מיר!

יענץ יאָר, געדענק איך, איז זאת־חנוכּה אויסגעקומען זייער נאָענט צו ניטל, כּמעט דעם זעלבן טאָג. די גויים האָבן אָנגעהויבן פּראַוועון די חגא, ווי אויך ״באַנעצן״ דעם נײַעם יאָר כּמעט אַ חודש פֿאַר ניטל און מיר, אין רעסטאָראַן, האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט, – יעדן טאָג האָבן מיר געשפּילט ביז צוויי־דרײַ אַ זייגער בײַ נאַכט. און איך דאַרף אײַך זאָגן דעם אמת, – קיין הנאה פֿון יענעם חנוכּה האָב איך ניט געהאַט. אויף יעדן פֿאַל, ניט אַזוי ווי אין דער היים, מיט דער באָבען...

די לבֿנה האָט געקרענקט און מיט איר צוזאַמען האָט געקרענקט מײַן נשמה. די אַרבעט אינעם רעסטאָראַן האָט אַ ביסל אָפּגעווענדט מײַנע מחשבֿות פֿון די שווערע געדאַנקען, פֿון דער קלעמענדיקער בענקשאַפֿט נאָך דער באָבען. אָבער, פֿון דער צווייטער זײַט, בין איך דאָך יעדן אָוונט געווען צווישן לעבעדיקע און פֿריילעכע מענטשן און געהאַט אַ גרויסע הנאה צו זינגען און שפּילן פֿאַר זיי. אויך די פּרנסה איז געווען גאָר אַ נישקשהדיקע, מע האָט געקענט לעבן און ניט ציילן די גראָשן.

אויף דער אַרויספֿאָר־וויזע האָב איך געדאַרפֿט נאָך וואַרטן און וואַרטן. אפֿשר אַ יאָר צײַט, און אפֿשר נאָך מער. אַזוי איז דאָס געווען אין יענע יאָרן בײַ די קאָמוניסטן. ווילסט אַוועקפֿאָרן? דאַן ריפּע זיך ניט! זיץ, שווײַג און וואַרט.

דער ווינטער איז דאָס יאָר געווען ממש אַ ווינטער, – מיט שניי און מיט אַ פֿרעסטל. עס איז געווען ממש אַ פֿאַרגעניגן זיך דורכצולופֿטערן נאָך דער שווערער אַרבעט. דער וועג אַהיים, ס׳הייסט צו דער מומע דבֿורה, איז געווען ניט קיין קורצער, אָבער נאָך אַכט שעה זיצן, שפּילן און זינגען איז געווען כּדאַי זיך דורכצושפּאַצירן איבער דער שלאָפֿנדיקער שטאָט. די לבֿנה איז געלעגן אויף דער לינקער זײַט און מע האָט קוים געקענט זען דאָס דינינקע סערפּל. קיין גאַסן־לאַמטערן זײַנען אין טעגינע ניט געווען, נאָר דער שניי האָט באַלײַכט די גאַסן ניט ערגער פֿון אַ לאָמפּ. ס׳איז געווען ממש ליכטיק, נאָר ווער קען פֿאַרגלײַכן די לבֿנה־שײַן מיט דער קאַלטער שניי־אָפּשײַנונג?...

◆

די ניטל־פֿײַערונג אינעם רעסטאָראַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטער ווי אַ שטייגער־אָוונט, אָבער אַרום נײַן אַ זייגער פֿאַר נאַכט איז דער זאַל געווען פֿול געפּאַקט און די אַ ביסל אונטערגעשאָסענע געסט האָט זיך געגלוסט ווײַן, טענץ און לידער. אַז מע זיצט אויף דער הויכער סצענע זעט מען אַלץ וואָס סע טוט זיך אינעם זאַל, און איך האָב תּיכּף געלייגט אַן אויג אויף אַ בילד שיינער יונגער פֿרוי, וועלכע איז געזעסן ניט ווײַט פֿון שרגא און וואַסיליסען. די שיינע פֿרוי איז געזעסן אַ ביסל אָנגעשטרענגט, מיט אַ גלײַכער פּלייצע, האָט געהאַלטן אין די הענט אַ גאָפּל מיט אַ מעסער, נאָר אַפֿילו ניט צוגערירט זיך צום

עסן, און האָט כסדר אָפּגעזאָגט איין קאַוואַליר נאָכן אַנדערן, ווען יענע האָבן זי פֿאַרבעטן אויף אַ טאַנץ. פֿון צײַט צו צײַט האָט זי אַ שלוק געטאָן פֿון אַ גרויסן בעכער מיט שאַמפּאַניער.

„אַ שיין און אַ מאָדנע מיידל", – האָב איך אַ טראַכט געטאָן, נאָר אַ מענטש האָט דאָך נאָר צוויי אויגן און איך האָב געדאַרפֿט קאָנטראָלירן דעם זאַל, כדי צו וויסן וואָס צו שפּילן ווײַטער, – אַ פֿריילעך טענצל צי אַ ראָמאַנטיש לידל.

דאָס נײַע יאָר איז געקומען בײַ צײַטנס. אַלע האָבן זיך אָנגעוווּנטשן, אויסגעטרונקען אַ בעכער שאַמפּאַניער, אָפּגעטאַנצט אַ פֿריילעכס – דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן פֿריילעך און זאָרגלאָז – און דאַן האָבן מיר געמאַכט אַן איבעררײַס אין שפּילן און זינגען.

אינעם זאַל איז געווען הייס און אָנגערייכערט. מע האָט געקענט אויפֿהענגען אַ האַק אויפֿן רויכוואָלקן, וואָלט די האַק געבליבן הענגען. בין איך אַרויס אין דרויסן צו כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט.

לעבן דער וואַנט איז געשטאַנען דער פֿריילעכער שרגא מיט אַ פּאָר חבֿרהניקעס. ער האָט מיך תּיכּף דערזען און צוגערופֿן צו זיך. כ'בין גלײַך צוגעגאַנגען, ווײַל ניט ווײַט פֿון אים, ממש הינטער זײַן פּלייצע, האָב איך דערזען יענע שיינע יונגע פֿרוי, וועלכע איז געזעסן איינע אַליין און געמוטשעט דעם גאָפּל מיטן מעסער. איצט איז זי געשטאַנען לעבן עפּעס אַ בלאָנדער דיקער פֿרוי, האָט גערייכערט, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי הערט זיך צו צו דער בלאָנדינקעס דערציילונג און פֿון צײַט צו צײַט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. כ'בין צוגעגאַנגען נעענטער צו דער פֿרוי, כמעט אַ פּלייצע צו אַ פּלייצע, און גלײַך האָב איך דערפֿילט אַ

פֿרויען־ריח, וואָס האָט מיך ממש פֿאַרשטיינערט, פֿאַרצויבערט און שיִער ניט אויפֿגעריסן די לונגען. כ'האָב אײַנגעפּערעט די אויגן אין דער פֿאַרחלשטער לבֿנה, און ס'איז געווען אַ גרויסע פֿראַגע, – ווער פֿון אונדזביידע איז מער פֿאַרחלשט – די קרענקענדיקע, כּמעט אומקערפּערדיקע לבֿנה צי מײַן בידנע הערצל.

דאָס איז געווען פֿון יענעם מין סיטואַציעס, ווען דו פֿילסט, אַז האָפּ! – און שוין – ביסט פֿאַרפֿאַלן. מע קען זיך קלאַפּן קאָפּ אין דער וואַנט, קיין זאַך וועט ניט העלפֿן. הײַנט ווייס איך, אַז יענע מאָדנע זאַך הייסט ליבע. אויב ניט, טאָ צו וואָס פֿאַר אַ קרענק וואָלט מײַן האַרץ געטיאָכקעט און געווילדעוועט יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער ניטלנאַכט, צי אין יענעם חנוכּה־אָוונט, פּונקט בײַם פֿינפֿטן ליכטל.

דעמאָלט... מיט פֿופֿציק יאָר צוריק... און יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער נאַכט און איך דערשמעק ווידער יענעם באַזונדערן פֿרויען־ריח, שטעלט זיך מײַן האַרץ אָפּ און פֿאַרפֿליט צו דער קוים לעבעדיקער לבֿנה, און איך בין גרייט אָפּצושטעלן די צײַט, און ווידער שטיין פּלייצע צו פּלייצע לעבן יענער אומבאַקאַנטער פֿרוי און אײַנאָטעמען אין זיך איר ריח. דעם ריח, וואָס קיין איין מענטש, אַחוץ מיר, האָט ניט געפֿילט.

שרגאס קול האָט מיך אומגעקערט אויף דער וועלט.

– ביז וואַנעט שפּילט איר הײַנט?

– ביז צוויי, מיין איך.

– קומסט צו אונדז ממשיך זײַן? ס'וועט זײַן פֿריילעך.

– מיט פֿאַרגעניגן.

– איז ביז שפּעטער...

– אָפּגערעדט... אַ דאַנק.

שרגא האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווײַטער געשושקעט מיט זײַנע מיטשמועסער. כ׳בין געשטאַנען כּאילו מיט די חבֿרה, אָבער גאָר באַזונדער, ווי די פֿינפֿטע ראָד אין אַ וואָגן, ווי ניט פֿון הי. פֿון הינטער מײַן פּלייצע האָט זיך געלאָזט הערן דאָס הייזעריקע זשורטשען און וואָרטשען פֿון דער דיקער בלאָנדינקע און פֿון צײַט צו צײַט אַ שטיל קולעכל פֿון ״מײַן פֿרוי״ – אַהאַ... עהע...

– מאַריק... מאָנאַך... – האָב איך דערהערט שרגאס קול, – מאַריק, דו שלאָפֿסט? מע רופֿט דיך שפּילן, – און ער האָט אַ טײַטל געטאָן מיט דער האַנט צו דער טיר.

אַך, יאָ... בײַ דער אַרײַנגאַנג־טיר אין רעסטאָראַן איז געשטאַנען מײַן גיטאַריסט פֿעליקס און געמאַכט מיר מיט דער האַנט, – קום.

וואָס האָב איך ווײַטער געשפּילט און געזונגען ווייס איך ניט... מסתּמא האָב איך עפּעס געזונגען און געשפּילט... פּשוט, איך געדענק ניט. איך ווייס נאָר, אַז מײַנע אויגן האָבן געהאַלטן אין איין זוכן יענע אומבאַקאַנטע פֿרוי, נאָר נאָך דער הפֿסקה האָט זי זיך אין זאַל ניט אומגעקערט. אין גיכן איז אויף דער בינע אַרויף די באַלעבאָסטע, אַ צעקראָכענע אין אַלע זײַטן, און געמאַכט אַ סוף צו מײַנע פּײַניקונגען:

– ליבע און טײַערע געסט, מיט דעם לעצטן, דאַמסקע טאַנץ, פֿאַרענדיקן מיר דעם פֿײַערלעכן אָוונט. מיר ווינטשן אײַך אַ גוט יאָר, אַ געזונט יאָר, אַ יאָר פֿון פּרנסה, פֿון שלום און פֿרידן! און אַ סך אַ סך ליבע! גייט געזונטערהייט און שלאָפֿט געזונטערהייט! ביז איבער אַ יאָר און נאָר אויף שׂימחות!

כ׳האָב אויף ס׳גיך פֿאַרפּאַקט מײַנע ״קלאַווישן״, צעטיילט מיט די מוזיקערס דעם ״באַקס״, געמאַכט מיט זיי אַ קורצן לחיים, געקויפֿט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער בײַם בופֿעט און אַרויס פֿונעם רעסטאָראַן.

שרגא, זײַן פֿרוי און נאָך אַ פּאָר פֿריילעכע לײַט האָבן געוואַרט אויף מיר אויפֿן פּלאַץ לעבן דעם רעסטאָראַן, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. נאָך אַכט שעה שפּילן און זינגען בין איך געווען אַ ביסל מיד און קוים זיך געשלעפּט הינטער די פּלייצעס פֿון די חבֿרה. אויפֿן פּלאַץ איז געווען אַ סך פֿריילעכע מענטשן, מע האָט געטאַנצט און געזונגען, געטרונקען גלײַך פֿון די פֿלעשער און געשאָטן מיט גרעבלעכע וויצלעך.

עס איז געווען קאַלט און פֿריש, דער קרוכלע שניי האָט געסקריפּעט אונטער די שטיוול. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, כּדי אַ פֿרעג צו טאָן בײַ דער אַלטיטשקער לבֿנה – וואָס פֿאַר אַ שגעון איז אין מיר אַרײַן בעתן לעצטן איבערײַס? איך בין געשטאַנען מיטן פֿאַרריסענעם קאָפּ צום הימל, געזוכט די לבֿנה, און פּלוצעם דערפֿילט, אַז עמעצער נעמט מיך אונטער דער רעכטער האַנט. אָ, גאָט מײַנער!... דאָס איז דאָך ״מײַן דאַמע״...

– הײַ, מאַריק. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט אומפֿאַלן...

– הײַ...

כ׳בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם, אײַנגעשלונגען די צונג, פֿאַרלוירן דאָס לשון, ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט הענט און פֿיס.

– נו, וואָס שטייסטו? לאָמיר גיין...

און מיר זײַנען געגאַנגען, אַ פּאָר שפּאַן הינטער שרגאס פּלייצע. די פֿרוי איז געגאַנגען לעבן מיר, געזוכט מײַנע אויגן

און ליפּן, נאָר איך האָב זיך געשעמט אַ קוק טאָן אין איר פּנים. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט שרגא אַ קער טאָן דעם קאָפּ צו מיר און פֿריילעך געמאַכט אונדז מיט דער האַנט, – שיין און פֿײַן...

... און מיר זײַנען פּאַמעלעך געגאַנגען ווײַטער. די סודותפֿולע פֿרוי האָט געהאַלטן איר קאָפּ אויף מײַן אַקסל און איך האָב געפֿילט, אַז אָט־אָט וועל איך אַראָפּ פֿון זינען פֿון דעם ריח, וואָס האָט פֿאַרנעפּלט מײַנע אויגן און צעיאָגט דאָס האַרץ...

– דער ריח...

– וואָס?...

– ניין, ניין, גאָרניט, סתּם אַזוי...

– דערצייל מיר עפּעס, ביסט דאָך אַ פֿילאָלאָג...

אָ, גאָט מײַנער... פֿון וואַנען ווייסט זי?... כ׳האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן און אָנגעהויבן רעדן נאָר ווי אין פּויק אַרײַן:

”די הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור, איך מיין די אַזוי גערופֿענע פּאָסטמאָדערניסטישע מערבֿדיקע ליטעראַטור פֿון סוף זעכציקער, אָנהייב זיבעציקער יאָרן האָט ממש אויסגעשעפּט אַלע מעגלעכע סוזשעטן און געמוזט זוכן נײַע מאָלערישע מיטלען, איבער הויפּט אַזעלכע, וועלכע קענען שאָקירן דעם לייענער. די שרײַבערס האָבן מבֿטל געווען אַלע פֿריִערדיקע טאַבוען, סײַ לינגוויסטישע און סײַ עטישע. אינטערטעקסטואַלקייט האָט פֿאַרביטן מיט זיך די נײַע מעגלעכע ריכטונגען פֿון דער ליטעראַטור. מאַקס פֿריש, ערנסט העמינגוויי, הײַנריך בעל, כאָרכע לויִס באָרכעס, קורט וואָנעגוט, כוליאָ קאָרטאַסאַר, גאַבריעל גאַרסיִאַ מאַרקעס, אומבערטאָ עקאָ”...

כ׳האָב זיך פֿאַרהאַקט און דערזען, אַז מײַן נײַע באַקאַנטע שטייט און וויינט. מיר זײַנען געשטאַנען ממש בײַם אַרײַנגאַנג

פֿון שרגאס הויז און איך האָב ניט געוווּסט וואָס זאָל איך טאָן פֿריִער, – באַרויִקן די פֿרוי אָדער איינלאַדן זי צו גאַסט.

– איך האָב געוווּסט, אַז דו ביסט אַ גאָון, כ׳האָב געוווּסט... כ׳האָב ממש געפֿילט...

– פֿאַר וואָס ווייסט איר?

– ווײַל דו ביסט אַ גאָון...

כ׳האָב דערפֿילט אירע ליפּן אויף מײַנע ליפּן און אין גאַנצן פֿאַרלוירן דעם קאָפּ.

– מאַריק, – האָב איך דערהערט שרגאס קול, – קען איך מיט דיר איבעררעדן אַ פּאָר ווערטער?

– יאָ, זיכער...

– מאַריק, אָט האָסטו דעם שליסל פֿון מײַן דירה.

– און איר?

– מיר גייען ציילן ספֿירה[10], עס זײַנע דאָ אַ פּאָר גוטע קונים. איך בעט דיך, רעד ווינציקער... מיט דער מאַדאַם... אַז איר וועט זײַן פֿאַרטיק, פֿאַרגעס ניט צו פֿאַרשליסן די טיר און וואַרף אַרײַן די שליסלעך אין מײַן פּאָסטקעסטל.

– אַ דאַנק.

– ניטאָ פֿאַר וואָס. נאָר... זײַ פֿאָרזיכטיק...

– אַ דאַנק.

שרגא האָט אַרײַנגעלייגט מיר אין דער האַנט אַ בינטל שליסלעך פֿון זײַן דירה און גלײַך געלאָזט זיך דעריאָגן די חבֿרה, וועלכע זײַנען פּאַמעלעך געגאַנגען פּאַזע דעם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך. איך בין געשטאַנען, ווי אַ פֿאַרשטאַרטער, מיט אַ פֿלאַש

---

[10] ציילן ספֿירה – שפּילן אין קאָרטן

שאַמפּאַניער אין איין האַנט און מיט אַ בינטל שליסלעך אין דער צווייטער.

פֿון הינטער דער פּלייצע האָב איך דערפֿילט אַ ריח.. אַ ריח, וועלכער האָט מיך פֿאַרצויגן אין אַ בשׂמימדיקער טראַכט... אין אַ פֿאַרנעפּלטער טראַכט, אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט... פֿאַרצויגן אין אַ וועלט פֿון הערשנדיקן ריח... אַ ריח... פֿאַרמישט אויף מילך... ווײַן... באַלזאַם... און האָניק...

מיר זײַנען אַרויפֿגעפֿלויגן אויפֿן דריטן שטאָק. נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן צו פֿאַרשליסן די טיר פֿון אינעווייניק האָט זי אָנגעהויבן אַראָפּרײַסן די קליידער, פֿון מיר און פֿון זיך.

די ווענט און די סטעליע האָבן געשוועבט אין דער לופֿטן... דער געזאַלצענער שווייס האָט פֿאַרגאָסן די אויגן... די אויערן זײַנען געווען פֿאַרלייגט פֿון אירע און מײַנע צעצויגענע הייזעריקע געשרייען... דעם צימער האָט פֿאַרפֿלייצט אַ ראַפֿינירטער דופֿטיקער געמיש פֿון מושקאַטנוס און שאַרפֿן קימל... אין דעם שפּאַלט פֿון די שווערע גאַרדינען האָב איך געזוכט כאָטשבי אַ סימן פֿון מײַן קרענקענדיקער לבֿנה, נאָר פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ געזאַלצענער נעפּל און די הייסע טראָפּנדלעך טוי האָבן געקאַפּעט פֿון איר פּנים אויף מײַן ברוסט...

אַז איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך, האָב איך זיך געפֿונען ליגן אויף אַ הוילן מאַטראַץ, אָן לײַלעכער און אָן אַ קאָלדרע.

עס האָט געשאַריִעט אויף טאָג. מײַן דאַמע איז אין בעט ניט געווען. די טיר אין קאָרידאָר איז געשטאַנען אָפֿן און פֿונעם באָדצימער האָט זיך געלאָזט הערן אַ געזשורטשע פֿון וואַסער. מײַן דאַמע, הויל און נאַקעט, איז געשטאַנען איבערן וואַנע־ביטל און געשווענקט די לײַלעכער אין פֿליסנדיקן וואַסער.

– אַ גוט יאָר, אַ זיס יאָר, אַ גליקלעך יאָר...

– אוי, מאַריק... אַ גוט יאָר. די לײַלעכער זײַנען געווען פּיטש נאַס, כ׳האָב ניט געקענט אײַנליגן אין בעט.

– איך האָב גאָרניט געפּילט, כ׳בין פּשוט אַוועקגעפּלויגן...

– ווײַל דו ביסט אַ ווילדער בער. גוט... איך מוז לויפֿן. אַז דער טאַטע וועט זיך אומקערן פֿון דער אַרבעט און וועט ״אָנטאַפּן״, אַז כ׳בין ניט געשלאָפֿן אין דער היים, וועט ער מיך דערהרגענען.

– איך וועל דיך באַגלייטן.

– דאָס איז גוט. גיי, טו זיך אָן.

כ׳בין אַרויס פֿונעם באָדצימער און פּרובירט געפּינען כאָטשבי די נאָכשפּורן פֿון יענעם ריח, וואָס האָט מיך געבראַכט אין דער אָ דירה. עס האָט געשמעקט מיט זייף, מיט ביליקן שווייסיקן פּאַרפֿום, אַפֿילו די קליידער פֿון מײַן דאַמע האָבן געשמעקט מיט פֿאַרשיידענע שאַרפֿע גערוכן, איבער הויפּט מיט סיגאַרעטן־אַש און לימענע־שאָלעכץ. פֿון אַלע ווענט האָבן אויף מיר געקוקט נאַקעטע שיקסעס מיט קליינע ממזרימלעך אויף די הענט. די שיקסעס האָבן פּאָדלע געשמייכלט, געשטופּט איינע די צווייטע, און יעדע איינע געוואָלט אַרײַנשטופּן מיר אין מויל אַרײַן איר ציצקע. פֿון אונטער דער סטעליע האָט זיך געלאָזט הערן דער מומע דבֿורהס סקריפּענדיק קול:

– נו, דו, חכם איינער, האָסט טאַקע אָנגעפּרעגט זיך אַ שיינעם מפּטיר... אַ שיקסע האָסטו געוואָלט?... אָט האָסטו געפֿונען זיך אַ שיקסע אויף דײַן קאָפּ. איצט קענסטו אָנהייבן וואַרטן אויף אַ ממזרל...

אין צימער איז אַרײַן מײַן דאַמע, הויל נאַקעט, מיט בלישטשענדיקע אויגן... און איך האָב ווידער פֿאַרלוירן דעם קאָפּ.

אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געפֿונען ליגן אויפֿן טעפּעך, הויל נאַקעט, לעבן דעם באַפּוצטן ניטלבוים. מײַן דאַמע איז לעבן מיר ניט געווען, נאָר אונטער דער יאָדלע איז געלעגן אַ זילבערנער טאַץ און אויף אים – אַ גרויסער באַפּוצטער קאָנווערט און אַ צעטל – ״מאַריק, דו האָסט מיר געשאָנקען אַ פּרעכטיקן אָוונט און אַ געטלעכע נאַכט. אינעם גרויסן קאָנווערט וועסטו געפֿינען די אַרויספֿאָר־וויזעס פֿאַר דיר און פֿאַר דײַנע עלטערן. כ׳וועל בענקען נאָך דיר יעדע נאַכט. אָבער, נישקשה, דאָס איז דאָך בעסער ווי נאָך דיר זאָל בענקען מײַן טאַטע. איך קוש דיך אין דײַנע בלויע אויגן.

אַגבֿ, דו זאָלסט זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ... מײַן מאַמע אַרבעט אין דער וויזעס־אָפּטיילונג פֿונעם אינערן־מיניסטעריום. און דער טאַטע איז דער נאַטשאַלניק פֿון דער טעגינער טורמע. און איך... איך... אויף אייביק דײַנע, – אייבערלייטענאַנט אַנאַסטאַסיאַ לונינאַ.״

אַ פֿאַרטשאַדעטער בין איך צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און פֿאָרזיכטיק אַוועקגערוקט אין דער זײַט די געקרײַזלטע פֿאָרהענגלעך. כ׳האָב אָנגעהויבן פֿונעם רעכטן פֿאָרהענגל און אַוועקגערוקט אים אַ ביסל אין דער זײַט. די שויבן זײַנען געווען פֿאַרהויכקעט, קיין זאַך האָט מען ניט געקענט זען, – ניט די יונגיטשקע לבֿנה, און ניט וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן, אין דרויסן, אין דער גרויסער וועלט. די וועלט האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון מיר...

ווי אַ פֿאַריאָגט וועלפֿל, הויל נאַקעט און הילפֿלאָז, האָב איך זיך אומגעקערט אין צימער און אָנגעהויבן באַשמעקן די לופֿט, געוואָלט געפֿינען כאָטש איין שטראָמל פֿון אַ רעטונגס־ריח, דעם ריח פֿון ״מײַן דאַמע״, פֿון אונדזער ליבע... כ׳האָב באַשמעקט

דעם קאָנווערט, דאָס צעטל... אומזיסט... דער שאַרפֿער גערוך פֿון דער יאָדלע האָט באַהערשט די לופֿט און אָנגעהויבן זיך קלעפּן צו מײַן הויט, געקראָכן אין די אויגן, אין די אויערן. פֿון די ווענט האָט אויף מיר געקוקט דאָס יויזל מיט שרגאס פּנים און געהאַלטן אין איין שעפּטשען, – ״איך בעט דיך, רעד ווינציקער... מיט דער מאַדאַם... איך בעט דיך, רעד ווינציקער... מיט דער מאַדאַם״...

געוואַלד געשריִען!... כ׳האָב דערפֿילט, אַז איך גיי אַראָפּ פֿון זינען. כ׳בין אַרײַנגעלאָפֿן אינעם באָדצימער, זיך געשטעלט אונטערן דוש און געלאָזט הייס וואַסער... דער עקלדיקער ריח פֿון דער יאָדלע איז פּאַמעלעך צערונען געוואָרן אינעם וואַסער־מורמלען און איך האָב זיך באַרויִקט. אַן אויסגעשעפּטער בין איך אַרויס פֿונעם באָדצימער, אָנגעצויגן אויף זיך די קליידער, מיטגענומען דעם קאָנווערט מיט די אַרויספֿאָר־וויזעס און פֿאַרלאָזט די דירה.

עס האָט געשאַריִעט אויף טאָג. שוין... אויס ליבע... אויס חגא... אויס יום־טובֿ...



# וויוואַט, קלעזמאָרימלעך, וויוואַט!

אַן איינאַקטער אין צען סצענעס פֿאַר אַ גוט אויסגעריבענעם אַקטיאָר

*שמואל עצמון־ווירצערן, דעם בחור־הקינסטלער, אַ מתנה*

''שפּיל, דו, קלעזמער, מיר אַ וואָלעך...''

**זעליק באַרדיטשעווער**

*אַ גרויסער סאַלאָן אין אַ תּל־אָבֿיבֿער דירה, אַ מין דרייַעק מיט אַ טעמפּיק אָפּגעהאַקטן ווינקל. אויף די ווענט הענגען בילדער, צייכענונגען און כלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אויפֿן אָפּגעהאַקטן ווינקל, אין דער לענג און אין דער ברייט, הענגט אַ גרויס פֿאָטאָבילד פֿון אַ חופּהדוקידושין־צערעמאָניע – אַ יונג פּאָרל, אָנגעטאָן לויט דער מאָדע פֿון די פֿופֿציקער יאָרן.*

*דער צימער איז כמעט ליידיק, אָבער די פּאָר מעבלזאַכן – דער טיש, די בענקלעך און דער פֿאָטעל אין מיטן צימער – זענען פֿון אַ באמת קינסטלערישן מוזיי־ניוואָ. פֿון די מאָדערנע הייַנטצייַטיקע זאַכן געפֿינט זיך נאָר אַ פּרעכטיקער מוזיקאַלישער צענטער פֿון לינקס, און כמעט אויף דער אַוואַנסצענע, פֿון רעכטס – אַ גרויסער אַלטמאָדישער טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט אין אַ צורה פֿון אַ פּאַטעפֿאָן.*

## ערשטע סצענע: וועקט ניט אויף דעם בער פֿון שלאָף

*ווען אינעם זאַל ווערט פֿינצטער און די סצענע ווערט ביסלעכווײַז באַלײַכט, אָבער גאַנץ ביך־השמשותדיק, לאָזט זיך הערן ״אַ פּאַסטעכל״, פֿון אַן אַלטער פּלאַטע, געשפּילט פֿון ״אלי גלעזערס בוקאָווינער קאַפּעליע״.*

*אינעם פֿאָטעל, אין סאַמע מיטן צימער, זיצט אַן עלטערער מאַן, מוליע סאָלאָווייטשיק, אָנגעטאָן אין אַ שײנעם יאַפּאַנישן סאַמעטענעם כאַלאַט. ער דרימלט און כראָפּטשעט צו מיט אַ מין פֿײַף־מעלאָדיע, ענלעך אויף אַ מאַרש.*

*עס לאָזט זיך הערן אַ הויכער טעלעפֿאָן־זומזער. דער טעלעפֿאָן קלינגט אָן אַן איבעררײַס. מוליע כאַפּט זיך אויף און פֿאַרשטייט ניט ווו ער איז אויף דער וועלט. ער וואַרפֿט אַראָפּ דעם פּלעד, מיט וועלכן עס זענען צוגעדעקט זײַנע פֿיס און הייבט אָן צו וואָרטשען:*

– פּסיאַ קרעוו... בײַסטרוקעס... אָט קום איך שוין... וואַרט אַ רגע, קלינג ניט אַזוי הויך, אָט קום איך...

*מוליע שטייט אויף, גייט צו צום טיש, טוט אָן די ברילן און, וואָרטשענדיק זיך אונטער דער נאָז, גייט ער צו צו דער אַרײַנגאַנג־טיר און עפֿנט זי אויף. קיינער איז אָבער ניטאָ. דער טעלעפֿאָן קלינגט אַלץ ווײַטער.*

– אַז מע איז אַלט איז שוין בעסער ניט געבוירן צו ווערן... ניין, גיט נאָר אַ קוק ווי ער האָט זיך צעקלונגען און צעזומזעט... אָט קום איך שוין... אַן אַלטער טעלעפֿאָן זאָל ניט פֿאַרשטיין, אַז איך בין שוין ניט קיין ייִנגל. אַטפֿו אויף דיר...

*מוליע גייט צו צום טעלעפֿאָן און קוועטשט אָן אויפֿן קנעפּל*

*פֿון די הילכערס. פֿון דער צווייטער זײַט ליניע לאָזט זיך הערן אַ שווער אָטעמען.*

– וואָס קרעכצט איר דאָרטן עפּעס ווי אַ משוגענער פּאַראַוואָז, וואָס?...

– מוליע?... סאָלאָווייטשיק?...

– נו, אי׳ וואָס? אַפֿילו ווען איך בין צען מאָל מוליע סאָלאָווייטשיק איז דאָס ניט קיין תּירוץ מיך אויפֿצוּוועקן! האָסט פֿאַרשטאַנען?... דו, מלאך־המוות איינער! אויב דו קלינגסט מיר פֿון דער חבֿרה־קדישא אָדער פֿון יענער וועלט דאַן וועל איך דיר זאָגן, אַז איך האָב אײַך אַלע טיף טיפֿער אין דר׳ערד! פּאַסקודסטוועס!!! מע לאָזט ניט לעבן!...

*מוליע פֿאַרמאַכט דעם טעלעפֿאָן און באַקוקט דעם צימער, נאָך דעם קוקט ער זיך אײַן אינעם זאַל. ער נעמט אַראָפּ די ברילן, ווישט זיי מיט די פּאָלעס פֿונעם כאַלאַט, טוט זיי ווידער אָן, גייט צו נעענטער צו דער ראַמפּע, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, וואָרטשעט ווײַטער און מאַכט מיט די הענט.*

– אָוואַ, קיין עין־הרע, אַ ניט קיין קנאַפּער ביסל עולם האָט זיך פֿאַרזאַמלט... זע נאָר, מע האָט זיך אויסגעזעצט... וואָס זיצט איר דאָ, וואָס? איר האָט שוין ניט, נעבעך, וואָס צו טאָן, נאָר צו זיצן און קוקן אויף אַן אַלטן מאַן?...לײַדיק־גייערס!!! באָסיאַקעס!

*מוליע צעלאַכט זיך און גייט צו נאָך נעענטער צום פּובליקום.*

– הע, ווייס איך וואָס, סתּם אַ גראָבער שפּאַס... זײַט מיר מוחל און ווערט ניט ברוגז, עס האָבן זיך בײַ מיר אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר „שיינע“ ווערטער. נו, מילא... נע־נע, אַז איר זענט שוין געקומען, טאָ בלײַבט זיצן... איר ווייסט דאָך, – אַ מענטש אין די יאָרן שלאָפֿט זיך שטילערהייט און זיס, און דאָ פּלוצעם הייבט מען דיר אָן צו קלינגען פֿון יענער זײַט חלום... נו, פֿאַרשטייט

זיך, שיק איך זיי תּמיד צום טאַטנס טאַטן... שאַ, שאַ... כ׳האָב פֿאַרשטאַנען... איך הייס טאַקע מוליע דער גראָביאַן, אָבער ווען אינעם זאַל זיצן אַזעלכע שיינע מאַדאַמעס, האָ... זשע ווּ זאַן פּרי, מעדאַם... פּשע פּראַשע, פּאַנענקעס... איר הערט די מוזיק, און איצטער – די פֿידל?... דאָס בין איך, מוליע סאָלאָווייטשיק, נאָר מיט פּופּציק יאָר צוריק.

איך זע, אַז די מוזיק געפֿעלט אײַך. אַוודאי... יעדער קלאַנג גייט אַרויף פֿון דער נשמה און וויקלט אײַן דאָס האַרץ אין אַ זיס קלעמעניש. און, להבֿדיל, דער טעלעפֿאָן?

*דער טעלעפֿאָן צעקלינגט זיך ווידער.*

– אַ טעלעפֿאָן איז ניט מער ווי אַ שטיק חוצפּהניק... אַחוץ פֿון אומרו, קאָפּווייטיק און אויפֿרודערונג, וואָס נאָך קען מיר געבן דער טעלעפֿאָן?... צוויי חדשים האָט מיר קיין איין פֿאַרשיווער הונט ניט געקלונגען און הײַנט איז ממש אַן אויסכאַפּעניש. פּסיאַ קרעוו.

*צום פּובליקום, אין זאַל אַרײַן:*

– זײַט מיר מוחל, גייט ניט אַוועק, באַלד קום איך צוריק, איך וויל אײַך עפּעס דערציילן וועגן מוזיק און וועגן די שיינע חלומות. וואַרט צו אַ רגע...

*מוליע גייט צו צום טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט און גיט אַ קוועטש אויפֿן קנעפּל פֿון די הילכערס.*

– האַלאָ, ווער, אין דר׳ערד צום טאַטן, דאַרף מיך נאָך האָבן?...

– מוליע?... אַ גראָביאַן ביסטו געווען, אַ גראָביאַן וועסטו שטאַרבן! פֿאַרמאַך דעם פּיסק! דעם פּיסק, האָב איך געזאָגט, און ניט דעם טעלעפֿאָן, אידיאָט וואָס דו ביסט... אַניט, באַלד קום איך... און זעץ דיר אויס די לעצטע פּאָר ציין דײַנע! האָסט מיך פֿאַרשטאַנען?

– אָ, גאָט מײַנער!... לייזער! לייזער סעקונדע?! סמאַרקאַטש איינער וואָס דו ביסט! *(אַ קורצע פּויזע)* האַ? רעד העכער, איך הער ניט.

– ווער האָט דען גערעדט? קיינער האָט ניט גערעדט! שטעל אָפּ די מוזיק, וועסטו בעסער הערן. און עס ווערט דיר ניט נימאס צו הערן די גאַנצע צײַט זיך אַליין? אַ טויבער לאָך!

– לייזער, דו זאָלסט מיט מיר ניט רעדן ווי אַ ש... אַ ש... איך ווייס ניט וואָס. ווער ביסטו בכלל און ווער בין איך. דו ביסט אַ גראָבער פּויקער און איך בין אַ פֿידלער! פֿאַרגעס זיך ניט!

– האָ, האָ, האָ... משה גרויס! וואָס הערסטו דאָרטן? דאָס "פּאַסטעכל"?

– אַיאָ. פֿון וואַנען ווייסטו?

– וואָס הייסט? דערווײַל בין איך ניט טויב. הלוואַי וואָלט איך געקענט אַזוי דעכען ווי איך קען הערן, הלוואַי. נו, דריי שוין אויס דעם גראַגער, איך קען ניט שרײַען.

*פֿון דער צווייטער זײַט טעלעפֿאָן הערט מען אַ שווער אָטעמען און קרעכצן. מוליע גייט צו צום מוזיקצענטער און מאַכט שטילער די מוזיק, אָבער לעשט זי ניט אויס.*

– לייזער, איצט הערסטו מיך? פֿון וואַנען קלינגסטו? דו, סמאַרקאַטש איינער, שווײַג ניט.

– איך שווײַג ניט... פֿון וואַנען קען איך קלינגען?... שוין אַ יאָר צײַט ווױן איך אין אַ פֿריילעך הויז, בײַ די שיינע מיידלעך... כעכעכע... אוי, כ׳קען ניט דעכען...

– נו, און וואָס הערט זיך נײַעס בײַ די מיידלעך?

– הע, ווייס איך וואָס... מיידלעך־שמיידלעך... בײַ אונדז אין לעמבעריק זענען געווען אַ סך שענערע...

– דו געדענקסט, לייזער, ווי איך...

– פֿאַרמאַך דעם פּיסק, האָב איך דיר געזאָגט, און הער אַ מעשׂה... מײַן אוראײניקל, וואָס זי טראָגט מײַן פּרויס, זאָל זיך מיִען, נאָמען, שׂרהלע הייסט זי, האָט חתונה, און...

– מזל־טובֿ.

– וואָס?

– מזל־טובֿ, האָב איך געזאָגט.

– דו לאָזסט מיך ניט אויסזאָגן קיין וואָרט. וואַרט... אַ מענטש זאָל ניט לאָזן יענעם אויסזאָגן אַ וואָרט. קוים וואָס איך דעכע...

– רעד געזונטערהייט. סײַ ווי סײַ, אַז מע רעדט צו דיר, איז דאָס נאָר ווי אין פּויק אַרײַן. איך שווײַג.

– אַ קיצור, די קליינע שׂרהלע איז געקומען צו מיר אין מושבֿ־זקנים, ברענגען זאָל ער מיט פּײַער, און געבעטן, אַז איך זאָל זי בענטשן צו דער חופּה. נו, האָב איך זי געבענטשט, אַזוי ווי איך קען, און דאָ, הער אַ מעשׂה... פֿרעג איך זי – שׂרהלע־לעב, וואָס זאָל איך דיר, מאַמעלע, שענקען צו דער חתונה? זיידעניו, גיט זי אַ זאָג – כ׳האָב געהערט אין... נו, ווי הייסט עס?... עפּעס אַן אינטערפּאָל, אינטערנעץ, ווייסט זיי אַ רוח... בקיצור, זי האָט געהערט אַן אַלטע פּלאַטע פֿון אונדזער קאַפּעליע. וויל איך, זאָגט זי, אַז דײַן קאַפּעליע זאָל מיך אונטערפֿירן צו דער חופּה און שפּילן ״דאָס כּלה־באַזעצן״, פּונקט אַזוי ווי אויף דער פּלאַטע. אַניט, זאָגט זי... גיי איך ניט צו דער חופּה...

– נו... שלעפּ ניט די קו בײַ דער קאָדע! וואָס האָסטו איר געענטפֿערט?

– מוליע, איך בין אַראָפּ פֿון זינען, בין איך!

– הע, אויך מיר אַ נאָווינע. משוגע אויפֿן גאַנצן קאָפּ ביסטו זינט ביסט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט.

– און דיך, באָסיאַק, האָט מען געבאָדן אין הייס וואַסער...

– שאַ, שאַ, שרײַ ניט. קיין טויבע זענען דאָ ניטאָ. וואָס האָסטו געענטפֿערט דעם קינד?

– יאָ...

– וואָס "יאָ"?

– כ'האָב איר צוגעזאָגט – יאָ, מיר וועלן שפּילן.

– לייזער, דו האָסט זיך אויסגעפּויקט דאָס לעצטע ביסל שׂכל! פֿון אונדזער קאַפּעליע איז קיינער ניט געבליבן, נאָר איך און דו, אַן אויסגעפּויקטע דריפּקע. ווו האָסטו שוין געזען און געהערט אַזאַ קאַסטרירטע קאַפּעליע – אַ פֿידל מיט אַ פּויק? די גאַנצע וועלט וועט לאַכן פֿון אונדז! איך רעד שוין ניט, אַז זינט מײַן כעלי איז אַוועקגעפֿאָרן צו ניאַנטשען זיך מיט די אייניקלעך אין אַמעריקע, האָב איך דאָס פֿידל אין די הענט ניט געהאַלטן. וואָס מיר שפּילן און ווער מיר שפּילן?...

– שרײַ ניט! טויב ביסטו און ניט איך. איך פֿאַרדעכע זיך און קען ניט רעדן... כ'האָב אַ שרעקלעכע אַסטמע... אַזאַ יאָר אויף מײַנע שׂונאימס קעפּ... אָבער הערן הער איך גוט. בקיצור, איך האָב איר צוגעזאָגט... מאָרגן... נאָך מינחה... אין דער גאַליציאַנער שול... אויף אַלענבי...

*פֿון דער צווייטער זײַט טעלעפֿאָן הערט זיך אַ שווער אָטעמען, ווי פֿון אַ בלאָזזאַק, נאָך דעם אַ היסטעריש הוסטן און – דאָס זומזען פֿון טעלעפֿאָן – פּי, פּי, פּי... מוליע איז אויף אַזוי ווײַט צעמישט און צעטומלט, אַז ער פֿאַרגעסט אויסצולעשן דעם טעלעפֿאָן, און די קומעדיקע סצענע גייט מיט דער באַגלייטונג פֿונעם זומזען פֿון טעלעפֿאָן – פּי־פּי־פּי...*

– אָצעם־קלאָצעם... לייזער!... לייזער!... אַ שיינע מעשׂה... מאָרגן... נאָך מינחה... אין דער גאַליציאַנער שול... אויף אַלענבי... לייזער... אין דר'ערד אַרײַן... לייזער!... ווו איז מײַן טעלעפֿאָן־

ביכל?... כעלי!!!

*מוליע זוכט אומעטום, עפֿנט אויף די שופֿלאָדן, קערט איבער די צײַטונגען און פּאַפּירן אויפֿן טיש. דאָס ביכל איז, אָבער, אין ערגעץ ניטאָ.*

– אָ, גאָט מײַנער... אַז קיינער קלינגט ניט צו מיר חדשים לאַנג... קיינער ניט... ווו איז דאָס ביכל?...

*ווענדט זיך צום חופּה־בילד אויף דער וואַנט.*

– אָט, כעלי, זעסטו שוין, וואָס פֿאַר אַ שפּיצל האָסטו מיר אָפּגעטאָן? אָך, מענטשן, מענטשן... נאָר מע אײַלט זיך צו העלפֿן יענעם!... און וועגן מיר האָסטו דען געטראַכט?... וואָס בין איך ווערט אָן דיר? אַפֿילו אַ פֿאַרקאַקט טעלעפֿאָן־ביכל קען איך ניט געפֿינען. אַ בראָך!... אוי, כעלי, כעלי, זאָלסט וויסן – אָט קום איך צו דיר אין אַמעריקע, וועסטו בײַ מיר קריגן פֿאַר אַלע דײַנע שפּיצלעך! נו, זאָג שוין, ווו האָסטו פֿאַרשטעקט דאָס טעלעפֿאָן־ביכל?...

## צווייטע סצענע: צעשויבערטע מחשבֿות

*מוליע דערהערט דאָס זומזען פֿון טעלעפֿאָן – פּי־פּי־פּי – שליסט אויס די הילכערס און הייבט אָן צו וויינען – שטיל, אָן טרערן, ער כליפּעט מיט דער נאָז און מיט אַ קרעכצעלע לאָזט ער זיך אַנידער אין פֿאָטעל. אין זאַל אַרײַן:*

– זײַט מיר מוחל... עך, רבותי, מע ווערט עלטער, און עס דאַכט זיך, אַז די צאָל קרובֿים, פֿרײַנד און באַקאַנטע מוז ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, אָבער אַלץ איז דווקא גאַנץ פֿאַרקערט און קאַפּויער – די וועלט ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי גייט אויס און ווערט נעלם. אַזאַ מין לעבעדיקער "לשון־סגי־נהור"... בײַ אונדז, ייִדן, מוז דאָך אַלץ זײַן קאַפּויער... מע ווערט

אַלט, די נערוון ווערן שוואַך, די גאַל גיט אַ שלאָג אין מוח אַרײַן... דער קאָפּ אַרבעט ניט, אָבער די צונג איז געווען און געבליבן צו לאַנג... נאָר מײַן כעלי קען אויסהאַלטן אַזאַ באָסיאַק ווי איך. האָ, איר זעט, כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן וואָס איך האָב געזוכט. האַלאָ... וואָס זיצט איר דאָרטן, אינעם זאַל, און שווײַגט?... אפֿשר קען מיר שוין עמעצער אונטערזאָגן וואָס איך זוך דאָ, האַ?... אָ, יאָ, אמת, דאָס טעלעפֿאָן־ביכל. מײַן כעלי וואָלט געזאָגט – דו, נאַר איינער, וואָס דאַרפֿסטו זוכן דאָס, וואָס ליגט פֿאַר די אויגן און שרײַט צו דיר! און וואָס ליגט מיר די גאַנצע צײַט פֿאַר די אויגן און שרײַט? ריכטיק, דער פּאַטעפֿאָן! הייסט עס, אַז דאָס ביכל דאַרף ליגן דאָרטן.

*מוליע גייט צו צום מוזיקצענטער און באַלד דערזעט ער דאָס טעלעפֿאָן־ביכל.*

– זעסטו, כעלי, אַז איך בין גערעכט און דו ביסט ניט גערעכט, ווײַל דו האָסט מיך פֿאַרלאָזט און איך מוטשע זיך אָן דיר. ווען דו וואָלטסט מיך פֿאַרלאָזט מיט אַ פֿופֿציק יאָר צוריק, איז – מילא, כ׳בין געווען יונג און געקענט זיך באַדינען אָן יענעמס הילף. און איצט... הע, ווער דאַרף מיך איצט האָבן.

– נו, לייזער, אָט באַלד וועל איך דיר אַרײַנזאָגן אַלץ וואָס איך טראַכט וועגן דיר. אַן אַלטער אידיאָט. שפּילן רופֿט ער מיך, שפּילן... כ׳האָב אויפֿגעהערט צו שפּילן, איך שפּיל שוין ניט, כ׳בין געוואָרן אַן אַלטע שקראַבע, און אַפֿילו די גאַסנהינט האַווקען שוין ניט אויף מיר... אָך, לייזער...

*מוליע גייט צו צום טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, עפֿנט אויף דאָס טעלעפֿאָן־ביכל, דרייט אָן אַ נומער, און עס לאָזט זיך הערן אַ רעקאָרדירטע מעכאַנישע מעלדונג:*

– שלום־עליכם, דער נומער, וואָס איר האָט אָנגעדרייט, עקסיסטירט ניט. שלום־עליכם, דער נומער, וואָס איר האָט אָנגעדרייט, עקסיסטירט ניט. שלום־עליכם...

*מוליע שליסט אויס די הילכערס. אַ רגע צוויי שטייט ער לעבן דעם אַפּאַראַט, דערנאָך נעמט ער אויפֿהייבן פֿון דער פּאָדלאָגע די צעוואָרפֿענע צײַטונגען און קליידער און צעלייגט זיי אויפֿן טיש.*

– נו, ווי געפֿעלט עס אײַך? אַ גאַנץ לעבעדיקער מענטש האָט מיר נאָר וואָס טעלעפֿאָנירט און זײַן נומער עקסיסטירט שוין ניט. דער מענטש איז דאָ, אָבער דער נומער זײַנער עקסיסטירט ניט. פֿריִער איז געווען אין גאַנצן פֿאַרקערט, און אויך שפּעטער וועט זײַן פֿאַרקערט – אַלץ וואָס פֿון מיר וועט בלײַבן איז נאָר אַ פּאָר שיינע ציפֿערן.

*הייבט אויף פֿון דער פּאָדלאָגע אַ פֿאָטאָ־קאַרטל און קוקט זיך אין אים אײַן.*

– נו, כעלי, וואָס טוט מען איצט, האַ?... דאָס טעלעפֿאָן־ביכל האָב איך געפֿונען, אָבער צו וואָס טויג מיר דאָס טעלעפֿאָן־ביכל?... לייזער דער פּויקער איז ניט אין דער היים. און ווּ זוכט מען אים? זאָל איך אַזוי וויסן פֿון אונדזערע צרות... אין ישׂראל איז מער מושבֿ־זקנימס, ווי די זקנים אַליין. האַ, בלאָטע־שבבלאָטע... אַלץ איז בלאָטע חוץ מײַן כעלי... כעלי, דו הערסט?...

*מוליע באַווײַזט ניט צו פֿאַרענדיקן דעם זאַץ, ווי ווידער הייבט אָן צו קלינגען דער טעלעפֿאָן.*

– נו, איר האָט שוין געהערט אַזוינס? די וועלט איז ממש אַראָפּ פֿון זינען! לייזער דער פּויקער, דער עובֿר־בטל, האָט מסתּמא פֿאַרגעסן, אַז ער האָט מיר שוין טעלעפֿאָנירט. נו, באַלד וועל איך אים מקדש זײַן מיט אַ פּאָר שיינע ווערטער...

## דריטע סצענע: מע וואַקלט זיך און וואַקלט

*מוליע גייט צו צום אַפּאַראַט, נעמט דעמאָנסטראַטיוו אָן לופֿט אין דער ברוסט, שליסט איַין דעם אַפּאַראַט און גיט אַ שיט אויס ווי פֿון אַן עמער:*

– דו, לאָך פֿון אַ פּויק, אַלטע שקראַבע, עובֿר־בטל, פּוילישע דריפּקע, צעקראָכענע קאַלאָשע!!! נו, וואָס, איצט ביסטו צופֿרידן?

*עס לאָזט זיך הערן אַ ווייַבעריש קול:*

– נו, מוליע, מזל־טובֿ! האָסט זיך נישקשה אָנגעזשליאָקעט, האַ? דו, פּאַראַזיט איינער, אַפֿילו אויף אַ שעה קען מען דיך ניט לאָזן אַליין, האַ?

– גאָט מייַנער, ווער איז דאָס?

– ניין, גיט נאָר אַ קוק, ער דערקענט שוין ניט זייַן אייגענע פֿרוי!

– כעלי?!

– און ווער דען? צי האָסטו זיך שוין געפֿונען אַן אַנדער פֿרוי?

– כעלי, מעגסט זיך שעמען! וואָס רעדסטו עפּעס אַזוינס?

– וואָס זשע? אפֿשר מיינסטו, אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן אין דייַנע קלעזמערישע שטיקלעך? אַ פּוילישער קורוועניק ביסטו געווען און אַ קורוועניק ביסטו געבליבן!

– כעלי, איך וועל פֿאַרמאַכן דעם טעלעפֿאָן!

– נו, איז פֿאַרמאַך זיך געזונטערהייט! אויך מיר אַ צאַצקע, אַ קלעזמערוק...

*אַ פּויזע.*

– נו, האָסט זיך שוין אויסגעניכטערט?

*מוליע ענטפֿערט ניט.*

– גיט נאָר אַ קוק, ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזן, ווי אַ קליין קינד! מוליע, שווײַג ניט!

– יאָ.

– ריגעלע־ריגעלע־רויגעז???

– ניין, ריגעלע־ריגעלע־ריק...

*ביידע אין איינעם:*

– מיר זענען חבֿרים צוריק!

– גאָט צו דאַנקען. דערצייל שוין, וואָס איז געשען דאָרטן בײַ דיר.

– וואָס איז געשען, וואָס איז געשען... לייזער דער פּויקער האָט מיר נאָר וואָס אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז מאָרגן דאַרף איך שפּילן דאָס "כּלה־באַזעצן" בײַ זײַן אייניקל אויף דער חתונה.

– וואָס?

– דאָס וואָס דו הערסט. אַניט, זאָגט ער, גייט זי ניט צו דער חופּה. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין געוואָרן בייז. אַז דו האָסט אָנגעקלונגען האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז ווידער לייזער. נו, האָב איך אים אַרײַנגעהאַקט...

– יאָ... איז וואָס האָסטו באַשלאָסן?

– כעלי, דו מאַכסט זיך צי ביסט טאַקע באמת משוגע? וואָס מיר שפּילן, ווער מיר שפּילן? אַ יאָר צײַט האָב איך ניט געהאַלטן קיין פֿידל אין די הענט.

– אָבער הענט, גאָט צו דאַנקען, האָסטו? און אַ פּאָר אייגענע פּיס האָסטו? און אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס האָסטו? און דײַן ייִדיש האַרץ, דאַכט זיך, טיאָכקעט נאָך, צי ניין? באַלד נעם די פֿידל אין די הענט און הייב אָן מיט די געניטונגען. טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ־ראַ־טאַ... שוין, מאָרגן אין אָוונט קלינג מיר אָן. האָ, כ׳האָב שיִער ניט פֿאַרגעסן, האָסט אַ גרוס פֿון די קינדער און אייניקלעך. באַ־אַ־אַ־יַי...

– כעלי...

## פֿערטע סצענע: כעלי און מוליע

*עס לאָזט זיך הערן דאָס זומזען פֿון טעלעפֿאָן – פּי־פּי־פּי... אַ רגע צוויי שטייט מוליע ווי פֿאַרשטאַרט, אָבער גלײַך קומט ער צו זיך און גייט צו צום בילד אויף דער וואַנט.*

– יאָ, אַ מויד אַ קאָזאַק... גיט נאָר אַ קוק אויף איר בילד. איר זעט? אַ שיינקייט, אַ בריליאַנט, אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן, אָבער אַ כאַראַקטערל האָט זי... באַהיט זאָל מען ווערן.

*מוליע קערט זיך אום צום טישל און זעצט זיך אַנידער אינעם פֿאָטעל.*

– איך האָב זיך פֿאַרליבט אין כעלין פֿון ערשטן בליק. און זי? זי האָט אַפֿילו ניט געוואָלט קוקן אין מײַן זײַט. הײַנט בין איך געוואָרן אַ שיינער ייִד, אַ יאַט מיט אַ בײַכל און מיט אַ ביסל פֿלייש אויף די ביינער. און דעמאָלט, נאָך דער מלחמה אין אייראָפּע און נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין ארץ־ישׂראל,

בין איך געווען ממש אַ ״הויט מיט ביינער״, און אויסגעזען האָב איך, ניט דאָ געדאַכט, ווי אַ סטראַשידלע, ווי אַן אויסגעדאַרטער כראָנדזשיק. אָבער נישקשה, שוין דעמאָלט בין איך געווען פֿון יענעם סאָרט עקשנים. האָ, איר זעט שוין, זי האָט מיר אַזוי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז כ׳האָב אײַך אַפֿילו פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז מײַן כעלין האָב איך געפֿונען אַזש אין אַמעריקע. יאָ, יאָ, אין אַמעריקע, ווײַל נאָך דער מלחמה, איך מיין, אַז אין צוויי און פֿופֿציקסטן יאָר האָט מען מיך געשיקט קיין אַמעריקע צו ווערן אַ לײַט, ס׳הייסט, צו לערנען מוזיק אין פֿילאַדעלפֿיע, אין דער מוזיק־אַקאַדעמיע. וואָס, ווער, ווען... כ׳האָב גלײַך געפֿונען אַ פּאָר קלעזמאָרים פֿון גאַליציע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אויף חתונות. ערשטנס, האָט עס טאַקע אַרײַנגעבראַכט אַ גוט שטיקל פּרנסה, און צווייטנס, נאָך דער מלחמה בין איך די גאַנצע צײַט געווען הונגעריק ווי אַ הונט, און אויף אַ חתונה האָב איך געקענט זיך אָנעסן מיט כּל־הגוטס. און וועגן די מיידלעך איז בכלל ניטאָ וואָס צו רעדן. נו, שפּילן מיר, הייסט עס, אויף איינער אַ חתונה און דאָ דערזע איך זי זיצן לעבן דער כּלה. אָ, גאָט מײַנער, כ׳האָב אויפֿגעהערט צו שפּילן און נאָר געקוקט אויף איר און ניט געקענט זיך אָנזעטיקן. און זי, מײַן כעלי, זי האָט דערזען, אַז איך קוק אויף איר, איז זי גלײַך אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק. יאָ, יאָ, אַוועק אין מיטן דער חתונה. כ׳האָב זי געזוכט דאָ און דאָרט – אַ קרענק, ווי אין וואַסער אַרײַן. גוט, ניטאָ איז ניטאָ, וואָס קען איך טאָן. אַ גאַנץ יאָר האָב איך זיך געדרייט איבער די גאַסן, ווי אַ באַזעסענער, ניט געקענט עסן, ניט געקענט טרינקען, ניט געקענט לעבן... אָבער כ׳האָב געמוזט בלײַבן אין אַמעריקע, ווײַל דעמאָלט האָט מײַן קאַפּעליע אָנגעהויבן צו רעקאָרדירן אונדזער ערשטע פּלאַטע – ״די גאַליציאַנער קאַפּעליע״. פֿון איין זײַט בין איך געווען איבערגליקלעך, ווײַל די פּלאַטע האָט געהאַט אַ ״משוגענעם סוקצעס״, און פֿון דער צווייטער זײַט, האָב איך געפֿילט, אַז אָן יענעם מיידל, אָן כעלין, מיין איך, שטאַרב איך. און דעמאָלט האָב איך אַרײַנגעלייגט מײַנע גאַטקעס אין אַ טאָרבע אַרײַן און באַשלאָסן זיך אומקערן

אַהיים, קיין ישׂראל. אין יענע צײַטן, ווייסט איר, פֿון אַמעריקע קיין ישׂראל פֿלעגט מען שווימען אויף אַ שיף, און ס׳האָט געדויערט אַ וואָך מיט אַ יום־טובֿ. דעם ערשטן טאָג איז מיר נאָך אַלץ געווען אינטערעסאַנט, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מיר געוואָרן מסוכּן סקוטשנע – מע דרייט זיך אַהער, מע דרייט זיך אַהין, שרעקלעך... און דאַן בין איך געגאַנגען צום קאַפּיטאַן פֿון דער שיף און יענער האָט מיר דערלויבט צו שפּילן מיט זײַן אָרקעסטער. בקיצור, כ׳האָב באַקומען אַ זאַק מיט נאָטן, געפֿונען זיך אַ שטילן ווינקל אויף דער דריטער פּאַלובע און אָנגעהויבן לערנען די לידעלעך. אויפֿן צווייטן טאָג, אַזוי דאַכט זיך מיר, שטיי איך אַזוי אויף דער פּאַלובע און דרימבל אויפֿן פֿידל, און פּלוצעם דערהער איך אַ ווײַבעריש קולעכל – ״זײַט מיר מוחל, כ׳האָב ניט געקענט אײַך זען אין פֿילאַדעלפֿיע״? גאָט מײַנער... כעלי, פּסיאַ קרעוו!!!

*מוליע שטייט אויף און לויפֿט צו צום בילד אויף דער וואַנט.*

– איר זעט, אָט אַזוי האָט אויסגעזען מײַן כעלי דעמאָלט. בקיצור, אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, און – שוין, פֿאַרפֿאַלן. יאָ, זי איז געפֿאָרן קיין ישׂראל צו אַרבעטן אַ פּאָר חדשים אין אַ קיבוץ. געפֿאָרן אויף אַ פּאָר חדשים און איז געבליבן אויף אייביק. אָבער מיינט ניט, אַז ס׳איז געווען אַזוי גרינג אײַנצונעמען איר הארץ. אָוואַ, זי האָט זיך געבריקעוועט נאָר ווי אַ ווילדע טעליצע. און אירע עלטערן? אָוואַ, אָוואַ, אָוואַ!!! פֿרעגט ניט. אַז כעלי האָט זיך ניט אומגעקערט קיין פֿילאַדעלפֿיע צו די ימים־נוראָים, זײַנען די עלטערן גלײַך געווען דאָ, אין תּל־אָבֿיבֿ. נאָר, ווי מע זאָגט, אַ פֿרוי קען ניט ווידער ווערן אַ בתולה... באַזונדערש ווען זי איז שוין אַ ביסעלע טראָגעדיק.

*מוליע צעלאַכט זיך.*

– אָט אַזאַ באָסיאַק בין איך דעמאָלט געווען... און איצט... אַ בתולה אַהער, אַ בתולה אַהין, ס׳העלפֿט מיר ווי אַ טויטן באַנקעס.

און בכלל, כ׳בין געטריַ מיַין כעלין. כ׳האָב דען אַ ברירה?... עך... וואָס קען מען טאָן. אָט, גאַנצע טעג זיץ איך אין מיַין פֿאָטעל און דרימל, און דאָס גיט מיר טאַקע יאָ צו אַ ביסל געזונט. איר זעט דאָך אַליין – כ׳בין געזונט, פֿריש און משוגע. נאָר וואָס? כ׳בין אין גאַנצן אַליין. קיין קרובֿים זענען שוין ניטאָ, די קאַפּעליע מיַינע איז אויסגעגאַנגען, די קינדער לערנען זיך אין אַמעריקע. די עלטערע טאָכטער אונדזערע, גאָלדעניו, האָט, קיין עין־הרע, דריַ קינדערלעך, איז מיַין כעלי געפֿאָרן איר אונטערהעלפֿן, און מיך האָט זי איבערגעלאָזט אַליין. און וואָס בין איך ווערט אָן איר, אָן מיַין כעלין?... גאָר - ניט... אַן אַלטע שקראַבע. ניין, איר זאָלט ניט מיינען, יעדע וואָך קלינג איך צון איר אין אַמעריקע, נאָר... איר ווייסט דאָך, איך בין אַ ביסעלע אַ טויבעוואַטער, זי שריַיט, איך שריַי, עס האָט שוין יענעם טעם, אונדזער שמועס. נאָר, זיַיט זיכער, אָט דאָ, אויף דעם אָרט וועל איך זיצן און וואַרטן אויף מיַין כעלין. דו הערסט, כעלי, אָט אָ דאָ וועל איך זיצן... און אפֿשר זאָל איך טאַקע ווידער אָנהייבן צו שפּילן?... הע, ווייס איך וואָס... מע האָט מיר פּשוט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. כ׳וועל נאָך אַ מאָל אַ פּרוּוו טאָן אָנצוקלינגען לייזערן.

*גייט צו צום אַפּאַראַט, דרייט אָן אַ נומער און הױכף לאָזט זיך הערן:*

– *שלום־עליכם*, דער נומער, וואָס איר האָט אָנגעדרייט, עקסיסטירט ניט. *שלום־עליכם*, דער נומער, וואָס איר האָט אָנגעדרייט, עקסיסטירט ניט. *שלום־עליכם*...

# פֿינפֿטע סצענע: סטעמפּעניו מיט אַ קאָנטראַבאַס

*מוליע נעמט אויפֿהייבן פֿון דער פּאָדלאָגע די צעוואָרפֿענע זאַכן.*

– *שלום־עליכם, שלום־עליכם...* דער נומער, דער נומער... אָט, גיט אַ קוק, דרײַ ביכלעך ליגן איינס לעבן דעם צווייטן. *שלום־עליכם...* ״סטעמפּעניו״... ריכאַרד וואַגנער... *ימח־שמו־וזכרו,* און פּאַטריק זיסקינד... דאָס זיסע קינד מיט זײַן ״קאָנטראַבאַס״...

*אין זאַל אַרײַן:*

– איר האָט שוין געלייענט דאָס ביכל, צי אפֿשר געזען דעם ספּעקטאַקל? ״דער קאָנטראַבאַס״ הייסט דער ספּעקטאַקל... נע? אומעטום האָט מען עס געשפּילט, אויך אין *ישׂראל.* שמואליק עצמון האָט געשפּילט דעם אָנגעבלאָזענעם קאָנטראַבאַס... אין ״הבימה״, מיין איך. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן... צווישן אונדז גערעדט, די פּיעסע געפֿעלט מיר ניט, זי איז זייער *יעקיש, ממש* דײַטש, מיט אַלע זייערע גראָבע שטיקלעך און *משוגעתן* – דאָס איז ניט גוט, און דאָס שטערט זיי, און יענץ איז קרום, און דאָס איז קײַלעכדיק... אָבער, אין אַלגעמיין דערמאָנט עס מיר אַ ביסל *שלום־עליכמען* מיט זײַן ״סטעמפּעניו״, נאָר ״דער קאָנטראַבאַס״ איז עפּעס זייער־זייער ניט־ייִדיש, ווײַל אַ דײַטש מוז דאָך בלײַבן אַ דײַטש. זעט, בײַ זיסקינדן, דער מוזיקער זײַנער, דער באַסיסט, האַלט אין איין טענהן צו די ווענט. און אין *מיצקע* דערינען פֿאַרגעסט ער ניט צו זשליאָקען ביר, אַזוי ווי די האַנט זײַנע וואָלט צוגעקלעפּט געוואָרן צום פֿלעשל, און דאָס פֿלעשל צו די ליפּן. ער זשליאָקעט ביר און טענהט צום פֿאַראַיאָריקן שניי. די טעמע, זאָלט איר וויסן, איז גאָר ניט קיין *סתּם* טעמע. ער דערציילט וועגן זייער ערנסטע און אינטערעסאַנטע זאַכן און אין דער זעלבער צײַט זשליאָקעט ער ביר, אַ פֿלעשל נאָך אַ פֿלעשל. און דאָס, זאָג איך אײַך, שטערט מיר זייער, באַזונדערש ווען איך

זע עפּעס אַ שטיקל אין טעאַטער. אויב איר גלייבט מיר ניט – אָט, קוקט, פֿון סאַמע אָנהייב – ״עס לאָזט זיך הערן ווי מע עפֿנט אויף אַ פֿלעשל, און עמעצער גיסט אָן ביר״. און אַזוי די גאַנצע פּיעסע – עפֿנט אויף אַ פֿלעשל, טרינקט אויס, עפֿנט אויף נאָך אַ פֿלעשל, און טרינקט ווידער... איך האָב אומיסטן געציילט, אַכט פֿלעשער ביר. ווי געפֿעלט עס אײַך? דער בידנער שמואליק עצמון... ער האָט, נעבעך, געמוזט טרינקען אויף דער בינע און שפּילן מיט אַן איבערגעפּולטן פּענכער. שיִער ניט ״באַפּישט״ זיך... כאַ־כאַ־כאַ... איך ווייס עס פֿון אים אַליין, פֿון שמואליקן, מיר האָבן זיך דעמאָלט געחבֿרט, און זיך געהאַלטן אַן עצה מיט אים וועגן ייִדישער מוזיק, בנאמנות...

*מוליע וויל זיך אַוועקזעצן אין פֿאָטעל, נאָר דערמאָנט זיך, אַז ער האָט עפּעס פֿאַרגעסן און פֿאַרזאַמט זיך בײַם פֿאָטעל מיט די ביכלעך אין די הענט.*

– נו, איר זעט, דער קאָפּ אַרבעט שוין ניט, כ׳האָב געוואָלט עפּעס זאָגן און שוין פֿאַרגעסן וואָס. איאָ... ביר...

*גייט צו צום בופֿעט. אין זאַל אַרײַן:*

– האָט ניט קיין מורא, קיין ביר וועל איך אײַך ניט פֿאָרלייגן, אויך וועל איך קיין ביר ניט טרינקען. וואָס, כ׳בין עפּעס אַ דײַטש צי וואָס?... איך וועל נעמען אַ גלעזלווישניק, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אַלטער ייִדענע.

*מוליע צעלאַכט זיך, רוקט צו זײַן פֿאָטעל און אַ קליין טישל צו דער אַוואַנסצענע, אויפֿן טישל שטעלט ער אַרויף אַ פֿלאַש ווישניק און אַ שיין קרישטאָלן גלעזל. אין זאַל אַרײַן:*

– איצטער וועל איך אײַך אָנשטעלן מײַן אַלטע פּלאַטע מיט שיינע ניגונים פֿון מײַן ״גאַליציאַנער קאַפּעליע״.

*גייט צו צום מוזיק־צענטער, פֿאַרזאַמט זיך דאָרטן אויף אַ רגע*

*און קערט זיך אום צום פֿאָטעל מיט אַ פּולט[11] אין די הענט, זעצט זיך אַנידער אין פֿאָטעל. ער גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווישניק און גיט אַ קליינעם שלוק. און זאָל אַרײַן:*

– אַ מחיה... נו, איצט קענען מיר כאַפּן אַ שמועסל. איך מיין, אַז איר האָט מיך דערקענט, איך בין מוליע סאָלאָווייטשיק, אפֿשר דער בעסטער קלעזמער אויף דער וועלט. אַזוי האָבן אַ מאָל געשריבן די פּאָליאַקן און די רומענער, און אויך די אַמעריקאַנער, אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איר געדענקט, אַז איך האָב געזוכט מײַן טעלעפֿאָן־ביכל, ניט געפֿונען און כ׳בין נערוועז געוואָרן, און צעשמיסן איבערן צימער די פּאַפּירן און צײַטונגען, אָבער סוף־כּל־סוף האָב איך געפֿונען סײַ דאָס טעלעפֿאָן־ביכל סײַ אַ פּאָר אַנדערע ביכלעך. אָט וועגן דעם האָב איך גערעדט, וועגן דעם דײַטשישן שרײַבער פּאַטריק זיסקינד און וועגן זײַן ״קאָנטראַבאַס״. מסתּמא האָט איר געזען דעם ספּעקטאַקל אין ״הבימה״. נו, מילא, געזען, ניט געזען, ניט וועגן דעם וויל איך מיט אײַך רעדן, נאָר וועגן אָט דעם אָ דאָזיקן זיסקינדן, כאָטש, דעם אמת געזאָגט, איז ניטאָ קיין סך וואָס צו דערציילן, ווײַל ער גופֿא איז זייער אַ סקריטנער[12] פּאַרשוין, ממש אַ פּאַרטיזאַנער – ווּ איז ער, וואָס טוט ער, ווייסט קיינער ניט, נאָר פֿון צײַט צו צײַט גייט ער אַרויס פֿון זײַן באַהעלטעניש, לאָזט אַרויס עפּעס אַ ביכל אָדער אַ פֿילם, און הײַדאַ – ווידער אין ״וואַלד״ אַרײַן.

וואָס? וואָס פֿרעגט איר? צי איז ער אַ ייִד? דאָס ווייס איך ניט, נאָר ער האָט, קיין עין־הרע, אַ פּאָר אויגן, אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן. יאָ אַ ייִד, ניט קיין ייִד, עס מאַכט ניט אויס, נאָר שרײַבן שרײַבט ער טאַקע גאָר נישקשה. און כאָטש הייסן הייסט ער ״זיסקינד״, שרײַבט ער וועגן גאָר ניט קיין

---

[11] פּולט – קליין מכשירל אויף צו רעגולירן עלעקטראָנישע מכשירים פֿון דער ווײַטנס

[12] סקריטנע – פֿאַרבאָרגענער, אײַנגעשלאָסענער

פֿריילעכע זאַכן, כ׳וואָלט אַפֿילו געזאָגט – וועגן גאָר ביטערע זאַכן. אָט, הערט אַ מעשׂה... די דאָזיקע פּיעסע וועגן דעם משוגענעם קאָנטראַבאַס, ווו עס האָט געשפּילט שמואליק עצמון, כ׳האָב אײַך שוין דערציילט... בקיצור, שמואליק שפּילט דאָרט עפּעס אַ פּריטשמעליעטן דײַטש, וואָס זעט מיר אַ ביסל אויס ווי אַ פֿאַרבאָרגענער ייִד, בנאמנות... און דער ״בירפֿאַס״ האַלט אין איין וואָרטשען, ממש ווי אַן אַלטע ייִדענע. ער וואָרטשעט און זשליאָקעט ביר, ווי, ניט דאָ געדאַכט, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַן אַלטער גוי – דאָס איז שלעכט און דאָס איז קאַליע – אַ זשליאָקע. דער שרײַבט שלעכטע מוזיק און יענער קען ניט שפּילן, – אַ זשליאָקע, מע דאַרף זיי אַלע אָפּהאַקן הענט און פֿיס – נאָך אַ זשליאָקע. ער, אָט דער צעדרייטער קאָנטראַבאַס, דער בחור, ער האָט ליב עפּעס אַ מיידל אַ זינגערקע, מסתּמא פּונקט אַזאַ צעדרייטע ווי ער אַליין. און יענע, די זינגערקע, האָט אים פּרינציפּיעל ניט ליב. עס פֿרעגט זיך אַ שאלה, פֿאַר וואָס זשע האָט זי אים ניט ליב? ווײַל זי קען אים ניט. איר פֿאַרשטייט?... זיי זענען בכלל ניט באַקאַנט. איר האָט שוין געהערט אַזאַ משוגעת? ער פֿרעסט זיך אויף דאָס האַרץ און ער לײַדט נעבעך פֿון אַן אויסגעטראַכטער ליבע, און האַלט אין איין זשליאָקען ביר. און בכלל, ער מוטשעט זיך אַליין און דרייט די ביצים דער גאַנצער וועלט, טאַקע ווי אַן אמתער ייִד, כאָטש אַ מאָל, דאַרף איך אײַך זאָגן, רעדט ער גאָר קלוגע זאַכן, פּשוט ווי אַן אמתער פּראָפֿעסאָר, אַפֿילו איך האָב ניט אַלץ פֿאַרשטאַנען אין זײַן שרײַבעכץ. בקיצור, איך דערצייל עס אײַך נאָר, אַז איר זאָלט נאָר וויסן, וואָס פֿאַר אַ פֿײַנע שפּיל עס האָט אָנגעשריבן יענער דײַטש, כ׳מיין זיסקינד דער שרײַבער. און דער אַקטיאָר נעבעך, שמואליק, האָט געדאַרפֿט זיך אַרומשלעפּן אויף דער בינע מיט אָט אַזאַ ריזיקער באַנדורע, מיט אַ באַרג האָלץ אין איין האַנט

און מיט אַ פֿלאַש ביר אין דער צווייטער. און מיט וואָס זאָל ער נעבעך האַלטן דעם סמיטשיק? מיט די ציין?... מע קען זיך דאָך, חלילה, אונטעררײַסן די קישקעס. אַ ניט קיין פּשוטע ראָלע, דאַרף איך אײַך זאָגן, און בכלל ניט פֿאַר קיין פּשוטן עולם, מע דאַרף זײַן גוט אונטערגעשאָסן, כּדי צו פֿאַרשטיין דאָס פֿאַרבאָרגענע משוגעת פֿון דעם שפּיצל. נאָר וואָס... פֿאַר וואָס איז עס מיר געקומען צום וואָרט... אָט, הערט מיך מיט שׂכל – אַ מאָל צען האַקט דער דאָזיקער זיסקינד אַרײַן דעם "גרויסן דײַטשישן קאָמפּאָזיטאָר און פּאַסקודניאַק", ריכאַרד וואַגנערן, יאָ, יאָ, ער שלעפּט אים פּשוט אַרויס די קישקעס, און האַקט אים אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן. איר זאָלט מיך גוט פֿאַרשטיין, איך רעד אַזוי בייז ניט ווײַל איך הייס מוליע דער גראָביאַן און מוז שיטן מיט קללות, ניין, חס־וחלילה, נאָר טאַקע ווײַל דער דאָזיקער וואַגנער איז געווען אַ פֿאַרטיקער פּאַסקודניאַק, אַן אויסוואָרף און אַ נבֿלה. בײַ זיך אונטער דער נאָז האָט ער אַפֿילו זײַן אייגענעם סטראָמפּ[13] ניט געזען, נאָר בײַ יענעם, ס'הייסט בײַ די ייִדן... אָט, זעט, אויך זיסקינד שרײַבט, אַז וואַגנער איז געווען אַ ניט קיין אָנגענעמער פּאַרשוין, אַן אוממענטש, אַפֿילו אַן עקלדיקע חיה. דערצו פֿלעגט ער שלאָגן זײַנע פֿרויען... איר הערט, אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז ייִדן זענען ניט קיין מענטשן און זענען ניט מסוגל צו פֿאַרשטיין די הויכע פּרינציפּן פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור, אָט דער זעלבער מענטש פֿלעגט שלאָגן זײַנע פֿרויען... איך רעד שוין ניט, אַז ער האָט געמאַכט אַ קינד דער פֿרוי פֿון זײַן בעסטן פֿרײַנד, וועלכער האָט אים אויסגעהאַלטן אין נויט. איר זעט, אָט דאָס הייסט אַן אמתער דײַטשישער חבֿר! און איך נעבעך, איך, מוליע סאָלאָווייטשיק, איך שטופּ זיך אומעטום מיט מײַנע ניט־

---

[13] סטראָמפּ – סמאַרק

מענטשלעכע ייִדישע מוסטערן, מיט מײַן פֿידל, מיט מײַן מוזיק... האַ!... אין דר׳ערד צום טאַטן!!!

## זעקסטע סצענע: ווי אין פּויק אַרײַן

*אַ פּויזע. מוליע שטייט אויף, גייט צו צו דער וואַנט, נעמט אַראָפּ פֿונעם טשוואָק אַ פֿידל מיט אַ סמיטשיק און קערט זיך אום אויף זײַן אָרט.*

– זײַט מיר מוחל, כ׳האָב זיך אַ ביסל אויפֿגערעגט, ווײַל שוין פֿון לאַנג בין איך ניט געווען צו גאַסט בײַ אַזאַ שיינעם עולם, ווי איר. און ווי געפֿעלט אײַך לייזער דער פּויקער?... אַ יאָר צײַט האָב איך קיין פֿידל אין דער האַנט ניט געהאַלטן און אָט – שטיי אויף, קום און שפּיל, אַניט, גייט ניט די כלה צו דער חופּה. איז זאָל זי ניט גיין, וואָס אַרט עס מיך?... וואָס, כ׳בין שוין פּלוצעם געוואָרן דער פֿאָטער פֿון ייִדישן פֿאָלק? אַ ״משה־גרויס״?... נאָר מע סטראַשעט מיך, מע האַלט אין איין סטראַשען... האַ, ווייס איך וואָס... בלאָטע־שבבלאָטע... מיך קענט איר נאָר סטראַשען... ס׳וועט העלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס. נו, לחיים!

*מוליע גיט אַ קליינעם שלוק ווישניק פֿונעם בעכערל.*

– און אָט דאָס צווייטע ביכל, וואָס איר זעט, איז שלום־עליכמס ״סטעמפּעניו״. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? אפֿשר מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק איז דאָס געווען אַ נאָווינע, אָבער הײַנטיקע טעג... ווייס איך וואָס, סתּם אַ קלעזמערישע ליבע, אַ באָבע־מעשׂה מיט אַ באָרד... אָבער וואָס? הערט נאָר ווי שלום־עליכם באַשרײַבט ווי סטעמפּעניו האָט באַזעצט די כלה. גלײַך ווי פֿון מיר אָפּגעשריבן, בנאמנות. גיט אַ קוק אויף מיר און הערט זיך גוט צו.

״אוי, איז סטעמפּעניו געווען אַ בריה! ער פֿלעגט אַ כאַפּ טאָן

דאָס פֿידעלע און אַ פֿיר טאָן מיטן סמיק, איין פֿיר טאָן, ניט מער, פֿלעגט דאָס שוין אָנהייבן בײַ אים צו רעדן. אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, רעדן? טאַקע מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי, להבֿדיל, אַ לעבעדיקער מענטש. רעדן, טענהן, זינגען מיט אַ געוויין, אויפֿן יידישן שטייגער, מיט אַ גוואַלדערניש, מיט איין אויסגעשריי פֿונעם טיפֿן האַרצן, פֿון דער נשמה״. איר הערט, פֿון... דער... נשמה...

*מוליע נעמט די פֿידל אין דער האַנט, הייבט אָן אָנשטעלן די סטרונעס. בעתן אָנשטעלן די סטרונעס און אײַנרײַבן אינעם סמיטשיק די קאַניפֿאָל, איז ער ממשיך:*

– אַז איך זע און הער די הײַנטיקע אַזוי גערופֿענע קלעזמאָרים ווער איך בייז און הייב אָן צו זוכן אַ פֿלאַש בראָנפֿן און אַ שטריק מיט זייף, ווײַל עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן. און ניט ווײַל זיי קענען ניט שפּילן אָדער שפּילן שלעכט. חס־וחלילה, גאָט באַהיט, ס׳רובֿ פֿון די, וואָס רופֿן זיך אַליין אָן ״קלעזמאָרים״ שפּילן דווקא גאָר ניט שלעכט, אַפֿילו בעסער ווי מיר פֿלעגן שפּילן, איך מיין טעכניש. און טאַקע דאָס איז די גרעסטע צרה פֿאַר דער וועלט, ווײַל די דאָזיקע מוזיקאַנטן שפּילן אײַך אַ קאָנצערט, און אַ קלעזמער שפּילט אײַך אַ חתונה. איר פֿאַרשטייט וואָס איך מיין?... דעם אונטערשייד האָט איר אָנגעטאַפּט? דער קלעזמער איז אַ בריק פֿון אַ מיידל צו אַ פֿרוי, פֿון אַ בחור צו אַ מאַן, פֿון טאַטע־מאַמע צו זיידע־באָבעס, דער קלעזמער איז אַ לעבעדיקע בריק, און וואָס פֿעסטער די בריק, אַלץ מער שאַנסן, אַז דאָס יונגע פּאָרל זאָל אַרײַנגיין אינעם נײַעם לעבן מיטן רעכטן פֿוס, ס׳הייסט, מיט מזל און ברכה. אָט דאָס איז דער הויפּטציל פֿון אַ קלעזמער – אַרײַנצוטראָגן אַ ביסל הימלישן לעבן אינעם ערדישן לעבן אַרײַן. ווײַל אַ קלעזמער, אויב ער איז אַן אמתער קלעזמער דאַרף ער בפֿירוש זען דער כּלהס אויגן. אָן דער כּלהס אויגן פֿאַרלירט דאָס קלעזמערײַ איר גאַנצן זינען. אָט דאָס איז

די סיבה, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געשפּילט קיין קלעזמערישע מוזיק אויף פֿעסטיוואַלן און קאָנצערטן, דעריבער זעט איר מיך ניט שווינדלען אויף טעלעוויזיע. מײַן בינע איז די חתונה. און אַ ייִדישע חתונה איז דאָס שענסטע, וואָס דער מענטש האָט צוגעטראַכט.

*מוליע נעמט די פֿידל אין דער האַנט, גרייט צו שפּילן.*

– אָט, איר זעט, אָט אַזוי פֿלעג איך זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן דער כּלה און איר אַ קוק טאָן אין די אויגן אַרײַן, פּונקט ווי סטעמפּעניו בײַ שלום־עליכמען. די כּלה זיצט נעבעך אויפֿן קישן, ניט טויט ניט לעבעדיק, די ווײַבער צעפֿלעכטן איר די צעפּ, מע דעקט איר איבער דעם קאָפּ און דאָס פּנים. און איך, מוליע סאָלאָווייטשיק, איך און מײַן פֿידל, מיר פֿירן די כּלה אַרײַן אין אַ נײַ לעבן, נאָר איך דאַרף, איך מוז זען אירע אויגן, און דאָס צינדט מיך אָן, מײַן נשמה גיט אַ פֿלי אַרויף צום הימל און פֿון דאָרטן — זי, ניט די האַנט, נאָר די נשמה פֿירט אָן מיטן סמיטשיק. אָט הערט.

*מוליע גייט צו צום מוזיקצענטער און שטעלט אָן אַ פּלאַטע מיט "דאָס כּלה־באַזעצן".*

– איר הערט, אָט דאָס איז דער עיקר.

*מוליע פּרובירט נאָכשפּילן דער פּלאַטע. עס גייט אָבער ניט און ער ווערט בייז.*

– ווי וועל איך מאָרגן שפּילן דאָס כּלה־באַזעצן, ווען די פֿינגער לייגן זיך ניט אויף די סטרונעס?... געוואַלד... לייזער!... לייזער דער פּויקער!... ווי געפֿעלט עס אײַך, ווי ער האָט עס מיר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל, האַ?... איך וועל אים דערהרגענען מיט מײַנע אייגענע הענט.

## זיבעטע סצענע: אַ ייִדענע אַ קאָזאַק

*מוליע גייט ווידער צו צו זײַן פּאָטעל, זעצט זיך אַנידער, גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווישניק און שטעלט עס צוריק אויפֿן טישל. אין זאַל אַרײַן:*

– איר האָט געהערט? כ׳האָב איצט אַ פּרווו געטאָן צו שפּילן, און געשפּילט גאָר ווי אַ שילער, ווי אַ סמאַרקאַטש. אַ פֿינצטערע בושה... גוט, איך דאַרף זיך באַרויִקן, אַניט וועל איך ווידער אָנהייבן צו שיטן מיט קללות. כ׳וועל אײַך בעסער דערציילן עפּעס אַנדערש, ממש אַן אמתע געשיכטע. איך וויל אײַך דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער וועט אײַך ניט דערציילן, איך וועל אײַך דערציילן, און אפֿשר אויך ווײַזן, ווי איך, אַ ייִדיש ייִנגל פֿון אַ קליין פּויליש שטעטל, ווי אַזוי איך, מוליע סאָלאָווייטשיק, בין געוואָרן דער מלך פֿון די קלעזמאָרים. די פֿינגער פֿאָלגן מיך ניט? נישקשה, בײַ מיר וועלן זיי סײַ שפּילן און סײַ טאַנצן, נישקשה, איר וועט שוין זען. אויב ניט, בין איך ניט איך, ניט מוליע סאָלאָווייטשיק. אָט, הערט. איר ווייסט דאָך, אַז איך שטאַם פֿון אַ קליין שטעטל אין פּוילן, פֿון כריינעוו, ממש אַ לאָך צווישן פּוילן, סלאָוואַקײַ און רומעניע, ניט אַהער און ניט אַהין, מיט איין וואָרט – אַ שטיקל גאַליציע מיט אַ רומענישן נוסח. הײַנט איז עס שוין ניט וויכטיק, ווײַל מע האָט דאָרט אַלץ איבערגעניצעוועט.

מײַן באָבע גאָלדע, אונדז צו לאַנגע יאָרן, האָט געשטאַמט פֿון אַ בכּבֿודיקער משפּחה סוחרים, גרויסע תּבֿואה־הענדלערס פֿון זאַמישטש. אַז די באָבע איז געוואָרן אַ כּלה־מויד האָט זיך צון איר אָנגעהויבן צו שדכנען אַ בחורל מיטן נאָמען איטשע־לייב, אַ שוואַרצינקער, אַ שיינינקער, נאָר וואָס פֿון ישיבֿה אַרויס, אָבער

שוין מיט אָפּגעשאָרענע פּאות און אָפּגעגאָלט. אַז מײַן באָבע האָט אים דערזען אויף דער גאַס, האָט זי גלײַך געפֿרעגט – ״אָט דאָס איז ער טאַקע? אַ שיין דײַטשל. אָבער וואָס האָב איך צו טאָן מיט די דײַטשן...״ און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַפֿילו זיך צו טרעפֿן מיט אים.

*מוליע צעלאַכט זיך.*

– איר פֿאַרשטייט, אַ דײַטשל... ווען יצחק־לייבוש פּרץ וואָלט ניט געהאַט אָפּגעשאָרן זײַנע פּאות און ניט אָפּגעגאָלט די באָרד וואָלט איך היינט געהייסן מוליע פּרץ. די באָבע גאָלדע פֿלעגט שפּעטער טענהן – נאָר שטעלט זיך פֿאָר, ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט איטשע־לייבן, וואָלט איך מײַן גאַנץ לעבן געמוזט זיך מוטשען און לייענען זײַנע סקוטשנע אַרטיקלען און באַוויינען דעם גורל פֿון זײַנע תּמיד אומגליקלעכע העלדן. ווייס איך וואָס... איך האָב ניט קיין צײַט אויף קיין פֿרעמדע טרערן, איך וויל אַרבעטן און האָבן פֿריילעכע קינדער. בקיצור, די באָבע גאָלדע האָט חתונה געהאַט מיט אירס גלײַכן, אַ בחור פֿון אַ סוחרישער משפּחה, פֿון די ווײַצמאַנס, און האָט אים געבוירן אַ האַלבן מנין יִינגלעך. מײַן פֿאָטער איז געווען דער בכור, פּונקט אַזוי ווי מיט אַכצן יאָר שפּעטער בין אויך איך געבוירן געוואָרן אַ בכור בײַ מײַן טאַטן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באָבע גאָלדע געוואָרן, ניט דאָ געדאַכט און ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַ יונגע אַלמנה מיט פֿינעף קינדערלעך אויף די הענט, נאָר נישקשה, כּמעט מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט ניט קיין יונגן, אָבער זייער אַ בכּבֿודיקן חזן פֿון וויזשניץ, מיט ר׳ יונה סאָלאָווייטשיק, פֿון די באַרימטע סאָלאָווייטשיקעס. איצט פֿאַרשטייט איר שוין פֿון וואַנען קומט עס צו מיר דאָס קלעזמערײַ... אַז מע האָט אַזאַ שטיפֿזיידן ווי ר׳ יונה סאָלאָווייטשיק מוז מען ווערן אַ שטיקל קינסטלער. מײַנע עלטערן האָבן געהאַלטן אין איין וואַנדערן איבער די שטעטלעך, ווײַל קיין לײַטישע פּרנסה איז אין די דרײַסיקער יאָרן אין ערגעץ ניט

געווען. בין איך אויפֿגעוואַקסן בײַ דער באָבען אין הויף, אין כריינעוו, בײַ דער גרענעץ. איך מיין, אַז מײַן ערשטע פֿידל איז געווען גרעסער פֿון מיר, נאָר קיין געלט אויף די לערערס האָט די באָבע ניט געזשאַלעוועט, אויך דער שטיפֿזיידע האָט מיך זייער ליב געהאַט און פֿלעגט מיך צושטעלן צו די בעסטע חזנים... איך געדענק... איך ווייס ניט צי האָט איר שוין אַ מאָל געהערט מיך שפּילן. אָט הערט.

*מוליע נעמט די פֿידל אין די הענט און הייבט אָן שפּילן "אַ ציגײַנערל".*

– איר ווייסט, אין יענע יאָרן איז דאָס געווען פֿון די פּאָפּולערסטע מעלאָדיעס. מע דערציילט אַפֿילו, אַז איציק מאַנגער איז געווען אַזוי באַגײַסטערט פֿון דעם ניגון, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ צענדליק לידער אויף דער דאָזיקער מעלאָדיע. בקיצור, בײַ צען יאָר פֿלעג איך שוין פֿאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, איבער הויפּט אויף די שלייער־וואַרעמסן. איר ווייסט דאָך, וואָס אַ שלייער־וואַרעמס איז? דאָס איז אַזאַ סעודה בײַ דעם חתנס עלטערן, אויף מאָרגן נאָך דער חופּה. מע עסט, מע טרינקט, מע טאַנצט. אָט טאַקע דאָרטן, בײַ די שלייער־וואַרעמסן האָב איך זיך אויסגעלערנט צו שפּילן די אַלע "שערן" און די "ברוגז־טענץ", און די "סירבעס" און די "פֿאַסטעכלעך"... ביז הײַנטיקן טאָג געדענק איך ווי מײַן מומע שירעלע פֿלעגט זיצן בײַ דער באָבען אויף די הענט, געפּליעסקעט מיט די הענטעלעך און געהאַלטן אין איין שרײַען, – וויוואַט, קלעזמאָלילאַך! וויוואַט! וויוואַט, קלעזמאָלילאַך, וויוואַט!

*אַ קורצע פּויזע.*

וויוואַט!... דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. איך האָב אײַך שוין דערציילט, אַז מיט איר ערשטן מאַן האָט מײַן באָבע געהאַט פֿינעף זין, איינעם נאָכן צווייטן, און דאָ, מיט כמעט צוואַנציק יאָר נאָך מײַן טאַטן האָט זי פּלוצעם געהאַט אַ מיידעלע

מיט איר צווייטן מאַן, מיטן ר׳ יונהן.

אונדזער שירעלע, אונדזער ברילִיאַנט... איך בין דעמאָלט געווען בערך פֿיר אָדער פֿינעף יאָר אַלט, אָבער איך געדענק, אַז טאָג און נאַכט האָט עמעצער געמוזט איר זינגען, אַניט פֿלעגט זי אָנהייבן צו וויינען. שירעלע... אַ גאָלדן קינד. מער פֿון אַלץ האָט זי ליב געהאַט צו הערן די מעלאָדיע ״בײַם שאָצער רבין״. איר קענט עס, ניין?... אָט, הערט...

*מוליע הייבט אָן צו שפּילן ״בײַם שאָצער רבין״. מיט אַ מאָל הערט ער אויף צו שפּילן און פֿאַרשטעלט די אויגן מיט דער פֿידל.*

– איך קען ניט... ווען איך דערמאָן זיך אין אונדזער שירעלען... ווען ניט די מלחמה וואָלט זי זיכער געוואָרן איינע פֿון די גרעסטע מוזיקערס אויף דער וועלט. יאָ, יאָ, גלייבט מיר אויפֿן וואָרט, איך טרײַב ניט איבער. בײַ דרײַ יאָר פֿלעגט זי פֿאַרגעדענקען און אויספֿירן יעדע מעלאָדיע אָן אַ פּינטעלע פֿאַלשקייט. די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן פֿון ווין האָבן געפּסקעט, אַז אַ מענטש מיט אַזעלכע מוזיקאַלישע אויערן און פֿעיִקייטן ווערט געבוירן איין מאָל אין טויזנט יאָר. איר ווייסט, מיר אַלע זענען געווען אַזוי שטאָלץ מיט איר, מיט אונדזער שירעלען. נאָר די באָבע גאָלדע פֿלעגט תּמיד זײַן פֿאָרזיכטיק און שטענדיק געוואָרטשעט – ״כאַפּט ניט קיין הייסע לאָקשן און רעדט ווינציקער וועגן אַ קליין קינד. אַ קינד ווי אַלע קינדער. אויך מיר אַ נאָווינע – מוזיקאַלישע אויערן. עס איז פּשוט נסים־ונפֿלאָות – ס׳קינד זינגט. וואָס זשע ווילט איר, אַז אַ קינד זאָל האַקן האָלץ און האַנדלען מיט תּבֿואה?...״ אָט דאָס איז געווען דער באָבעס האַרבער כאַראַקטער, באמת, זי איז געווען שטאַרקער פֿון אײַזן.

# אַכטע סצענע: דער ווייטיק ווײנט אין יעדן איינעם

– און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גאַנצע וועלט־משוגעת – די רוסן האָבן פֿאַרכאַפּט צפֿון־בוקאָווינע מיט אַ שטיק גאַליציע און פֿון דער צווייטער זײַט – די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט די צווייטע טייל פּוילן. וואָס טוט מען? דאָ איז שלעכט און דאָרט איז ניט פֿריילעך. האָט די באָבע באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך צעטיילן, ס׳הייסט, מײַנע טאַטע־מאַמע מיט מיר זאָלן אַנטלויפֿן קיין רוסלאַנד און אַלע אַנדערע זאָלן אַנטלויפֿן קיין רומעניע, ווײַל אין רומעניע איז געווען אַ ביסל רויִקער ווי אין פּוילן. אַקעגנשטעלן זיך דער באָבען איז געווען אוממעגלעך.

איך געדענק ווי סוף זומער, אין מיטן אַ פֿינצטערער נאַכט, האָט מען מיך אויפֿגעוועקט, אַרײַנגעשטעקט אין די הענט די פֿידל, אײַנגעוויקלט מײַנע שטיוועלעך אין היי, און עפּעס אַ שטומער גרויער גוי האָט אונדז געפֿירט איבערן פֿינצטערן וואַלד, נאָך דעם איבערגעפֿירט איבערן קאַלטן וואַסערל, און אויפֿן צווייטן ברעג איז דער גוי פּלוצעם נעלם געוואָרן, ווי קיין מאָל ניט געווען, און אַנשטאָט אים האָבן מיר דערזען צוויי רוסישע סאָלדאַטן, גלײַך פֿאַר אונדזערע אויגן. מיר האָבן זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, אָבער איינער פֿון די גרענעצלער האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן – ״טאָוואַרישטשעס ייִדן, ברוכים־הבאָים אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד״. אָט אַזוי!... ווײַטער איז שוין ניטאָ וואָס צו דערציילן. ס׳איז געווען ניט בעסער און ניט ערגער ווי בײַ אַנדערע – ענקאַווועדע, איזאָלאַציע־לאַגער און צום סוף – אַן עטאַפּ קיין סיביר. אַזוי אַרום, האָבן מיר די גאַנצע מלחמה אָפּגעהאָרעוועט און איבערגעלעבט אין סיביר, טיף אין דער טײַגע, אין אַ וואַלדהאַק־דערפֿל, אָפּגעריסן פֿון דער וועלט. נאָר

וואָס... די וואַלדהעקערס האָבן זייער ליב געהאַט צו הערן מיך שפּילן, און אַ דאַנק דעם האָבן זיי זייער אָפֿט געהאָלפֿן מײַנע עלטערן אויסצופֿילן די טאָגנאָרמע בײַם זעגן און האַקן די ביימער. האַ, לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן...

נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פּוילן, ווײַל מיר האָבן געהאַט פּוילישע פּעסער. געקומען קיין פּוילן און גלײַך אָנגעהויבן צו זוכן די קרובֿים. אָבער ניט אין פּוילן און ניט אין רומעניע האָבן מיר קיינעם ניט געפֿונען. מיר האָבן געוווּסט, אַז די באָבע מיט דער גאַנצער משפּחה איז אַנטלאָפֿן קיין סלאָוואַקײַ און פֿון דאָרטן קיין שאָץ אין רומעניע. און וואָס איז געשען ווײַטער האָט קיינער ניט געוווּסט.

אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין פּוילן, אין כריינעוו, האָבן מיר געפֿונען ניט מער ווי אַ לאָך אין הימל. אין דער באָבעס הויז האָבן געוווינט פֿרעמדע מענטשן. מיט קיין ייִדן האָט דאָרטן אַפֿילו ניט געשמעקט, כאָטש אויף אונדזער טיש זענען געשטאַנען אונדזערע טעלער און טעסלעך. וואָס טוט מען אין אַזאַ מצבֿ?... ווּ זוכט מען די באָבע, די פֿעטערס, די שוועסטערקינדער? קיינער האָט ניט געוווּסט.

נאָר אַ סך שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געוווינט אין ארץ־ישׂראל, האָט איינער אַ רומענישער ייִד, אַגבֿ, זייער אַ גרויסער דיריגענט... האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין צוויי און פֿערציקסטן יאָר, ווינטערצײַט, האָט ער געזען מײַן באָבע גאָלדע מיט איר טאָכטער שירעלע אינעם אָבעדיווקער לאַגער, אין טראַנסניסטריע... קיין מענער און קיין ייִנגלעך זענען מיט איר ניט געווען, נאָר אַ קליין מיידל אַרום פֿינעף, זעקס יאָר אַלט, ניט מער... פֿאַר וואָס האָט ער עס פֿאַרגעדענקט, יענער רומענישער ייִד? ווײַל דאָס מיידעלע איז געשטאַנען מיט די באָרוועסע

פֿיסלעך אויפֿן שניי און געזונגען פֿאַר די רומענישע סאָלדאַטן אַן אַריע פֿון וואַגנערס אָפּערע ״ריינגאָלד״, אויף ייִדיש...

ריינגאָלד!

ריינגאָלד!

בלישטשעט די לוסט,

ווי לאַכסטו מיט ערע און שיַין!

פֿונקען און גלאַנץ

יום־טובֿדיק דיך באַגלייט אין וועג!

הייאַ־יאַ־היי!

הייאַ־יאַ־היי־יאַ!

*מוליע שטעלט זיך אויף. אין זאַל אַריַין:*

– וואַרט אַ רגע.

*מוליע גייט צו צום מוזיקצענטער, שטעלט איַין אַ פּלאַטע און לאָזט זי אין גאַנג. אין דער זעלבער מינוט צעקלינגט זיך דער טעלעפֿאָן.*

## ניַינטע סצענע: ״לא״ מיט אַן אַלף

– נו, ווי געפֿעלט עס איַיך? אָדער גאָר אָדער גאָרניט. מסתּמא, ווידער לייזער דער פּויקער. *(צום טעלעפֿאָן)* גענוג צו גראַגערן, אָט קום איך שוין.

*מוליע גייט צו צום אַפּאַראַט און שליסט איַין די הילכערס.*

– לייזער, דו ביסט עס?

*פֿון יענער זײַט ליניע לאָזט זיך הערן אַ יונג ווײַבעריש קולעכל. די פֿרוי שיט מיט ווערטער און לאָזט ניט מוליען אַרויסרעדן קיין וואָרט.*

– הער סאָלאָוויטשיק? אַ גוט־אָוונט, איך הייס שׂרהלע, און איך בין לייזער סעקונדעס אַן אייניקל, איך קלינג אײַך נאָר כּדי געוווּיר צו ווערן, צי דער זיידע האָט אײַך דערקלערט, אַז די חופּה שטעלט מען אַרום פֿיר אַ זייגער, גלײַך נאָך מינחה, און נאָך וויל איך אײַך זאָגן, אַז דער זיידע וועט ניט קומען, ווײַל ער פֿילט זיך ניט גוט, איר ווייסט דאָך, די אַסטמע לאָזט אים ניט אָטעמען, אַזוי אַרום, מוז ער בלײַבן אין שפּיטאָל, אָבער אַ חתונה, ווייסט איר דאָך, לייגט מען ניט אָפּ, עס טוט מירלײַד, אָבער דאָס מאָל וועט עס זײַן אָן דעם זיידן, פֿאַרגעסט ניט, – אַרום פֿיר אַ זייגער אין דער גאַליציאַנער שול אויף אַלענבי, איך בין פּשוט גליקלעך, אַז איר האָט אונדז ניט אָפּגעזאָגט, גלייבט מיר אויפֿן וואָרט, – האַלב תּל־אָבֿיבֿ וועט קומען אײַך הערן, נעמט זיך אָן מיט כּוח און התלהבֿות, אַ גוטע נאַכט, ב־אַ־אַ־יַי...

*און גלײַך האָט זיך געלאָזט הערן דאָס זומזען פֿונעם טעלעפֿאָן – פּי, פּי, פּי... מוליע שטייט בײַם אַפּאַראַט ווי צעמישט.*

– אַזוינס האָב איך נאָך אין מײַן לעבן ניט געהערט. אַ לעבן אויף איר, פּשוט אַ הוראַגאַן. צוויי הונדערט ווערטער אַ מינוט. איך בין ניט מקנא איר מאַן. גוט, אָט גיי איך אָנהייבן זיך צוגרייטן צו דער חתונה. לייזער קומט ניט... און אפֿשר איז דאָס בעסער, ווײַל עס וואָלט אויסגעזען גאַנץ קאָמיש – אַן אַלטע פֿידל מיט אַן אַסטמאַטישער פּויק, ווי בײַ די שיכּורע גוים. איין פֿידל איז טאַקע בעסער, לאָמיר זאָגן – כ׳וועל שפּילן סאָלאָ און שוין. אָבער, אויב די פֿינגער וועלן מיך ניט פֿאָלגן וועל איך בשום־אופֿן ניט קומען און ניט שפּילן, אויף מײַן ערנוואָרט! קיין חוזק פֿון זיך וועל איך ניט מאַכן!

*מוליע פֿאַרמאַכט דעם טעלעפֿאָן, גייט צו צום טישל און נעמט*

*די פֿידל אין דער האַנט, נאָר בײַם גיין פֿאַרטשעפּעט ער זיך אין אַ ביכל, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע. ער בייגט זיך אָן, הייבט אויף דאָס ביכל און באַלד ווערט ער בלייך און בייז.*

## צענטע סצענע: וויוואַט, קלעזמאָרימלעך...

– זײַט מיר מוחל... איר זעט אָט דאָס פּאַסקודנע ביכל, דאָס איז ריכאַרד וואַגנער, דער "פֿרײַדענקער", דער ימח־שמוניק... נאָך מיט פֿופֿציק יאָר צוריק האָב איך געוואָלט אַרויסוואַרפֿן דאָס ביכל פֿון הויז, אָבער מיט וואָס וועט עס מיר העלפֿן. כ׳וועל אײַך זאָגן אַפֿילו מער פֿון דעם – אויך אײַך וועט עס ניט העלפֿן. און אַזוי, פֿון צײַט צו צײַט קוק איך אַרײַן אינעם ביכל און עס מאַכט מיך קעמפֿעריש בייז, עס גיט מיר צו כּוחות צו לעבן און שפּילן. איך רעד שוין ניט וועגן אונדזער שירעלע... ריינגאָלד... ריינגאָלד...

*אַ פּויזע.*

– הערט נאָר וואָס עס שרײַבט דער דאָזיקער וואַגנער, דערוואָרגן זאָל ער ווערן מיט זײַנע ווערטער – "הערט זיך צו צום ייִדישן לשון, און אײַך וועט ניט־אָנגענעם פֿאַרחידושן דאָס פֿעלן אין ייִדיש כאָטש עפּעס וואָס מענטשלעכס: ס׳ייִדישע לשון – דאָס איז עפּעס אַ קאַלטע, גאַנץ גלײַכגילטיקע, מאָדנע קאַליאַקערײַ". נו, וואָס זאָגט איר?... ס׳איז שיין, האַ? און ווײַטער רעדט ער נאָך שענער, אָט, הערט, – "... אין מוזיק איז שוין אַלץ אויסגעשעפּט, אַלץ אויסגעשעפּט מיט די שאַפֿונגען פֿון די גרעסטע גאונים. נאָך זיי איז געבליבן נאָר נאָכצומאַכן. באמת, מע קען נאָכמאַכן אויף אַ געראָטענעם אופֿן, אַזוי ווי עס מאַכן די פּאָפּוגײַען, ווען זיי מאַכן נאָך די מענטשלעכע שפּראַך, אָבער דאָס נאָכמאַכן אין קונסט איז פּונקט אַזוי בלייך און אָן געפֿיל, ווי דאָס נאָכמאַכן פֿון די דאָזיקע לצנישע פֿייגל. נאָר דאָס קען

מען זאָגן וועגן דעם נאָכמאַכן, וועגן דעם מאַלפּישן קאָפּירן פֿון די מיטלען אין דעם מוזיקאַלישן שאַפֿן מצד אונדזערע ייִדישע מוזיק־מאַכערס...״ און צום סוף שרײַבט ער – "פֿאַר אַ ייִדן צו ווערן... אַ מענטש הייסט, קודם־כּל, אויפֿצוהערן צו זײַן אַ ייִד״. שירעלע, מיידעלע מײַנס, דו הערסט?... מיר דאַרפֿן אויפֿהערן זײַן ייִדן.

*מוליע וואַרפֿט דאָס בּיכל אויפֿן פּאָל און שטייט אויף.*

– פֿאַסקודסטוועס, רוצחים! דאָס וועט איר, נבֿלות פֿון כּל־המינים, מיך לערנען וואָס איך זאָל טאָן און ווער איך זאָל ווערן! איר הערט, איר, גרויסע הומאַניסטן! ניט קיין ייִדן, נאָר איר, די מענטשן פֿון דער ״העכסטער ראַסע״ און דער העכסטער קולטור, דאָס האָט איר צוגעבונדן אַ קליין ייִדיש מיידעלע צו אַ פֿערד און האָט זי צעריסן אויף שטיקער... אַ קליין מיידל פֿון זיבן יאָר...

*מוליע לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן פּאָל. צום בּיכל:*

– אַ קרענק אײַך, איר הערט, אַ קרענק!

*מוליע שטייט אויף פֿונעם פּאָל.*

– איך וועל יאָ שפּילן, יאָ! אַפֿילו אַז כ׳וועל מוזן אויפֿשטיין פֿון יענער וועלט. אויף אַלע פֿיר וועל איך קריכן אין דער גאַליציאַנער שול און כ׳וועל באַזעצן דאָס מיידל, די כּלה, לייזערס אייניקל. איר הערט, איר, אַלע וואַגנערס־שמאַגנערס, ימח־שמוניקעס, איך, מוליע סאָלאָוויטשיק, איך וועל מאָרגן, אימירצעשעם, גיין אין דער גאַליציאַנער שול און כ׳וועל באַזעצן די כּלה. און עס מאַכט ניט אויס – שׂרהלע, פֿייגעלע אָדער רבֿקהלע... כ׳וועל באַזעצן אונדזער אייביקע כּלה, אונדזער שירעלען... שירעניר־לעבן, אָט גיי איך דיר שפּילן אַ לידעלע...

*מוליע הייבט אָן צו שפּילן ״אַ ציגײַנערל״.*

– יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן טאַטעלע, אין

אונדזער שירעלען, הער איך איר קולעכל – וויוואַט, קלעזמאָלימלאַך, וויוואַט! *(אין זאַל אַרײַן)* אויך איר קומט. קומט, איר וועט שוין הערן אַ שטיקל באַזעצנס. איך בעט נאָר בײַ גאָט, אַז אונדזער שירעלע זאָל אויך קומען, זי זאָל ווידער זיצן אין מײַן באָבעס שויס און פּליעסקען מיט די הענטעלעך, און אויב ניט שרײַען, טאָ כאָטש שעפּטשען – וויוואַט, קלעזמאָלימלאַך, וויוואַט... וויוואַט...

*מוליע נעמט די פֿידל אין די הענט, שטעלט זיך אויף דער אַוואַנסצענע און שפּילט דאָס "כלה־באַזעצן".*

*ער פֿאַרענדיקט שפּילן, לייגט אַוועק די פֿידל אויפֿן טישל, גייט צו צום טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט.*

*פֿון די הילכערס לאָזט זיך הערן צו ערשט איין קינדער־קולעכל, נאָך דעם צוויי, דרײַ, פֿיר... הונדערט:*

– וויוואַט, קלעזמאָרימלעך, וויוואַט!

*מוליע קערט זיך אום צום טישל, זעצט זיך אַנידער אינעם פֿאָטעל, גיסט זיך אָן אַ גלעזל ווישניק, ווינטשט אָן אין זאַל אַרײַן:*

– לחיים! פֿאַרגעסט ניט צו קומען מאָרגן אויף דער חתונה... אויף אַ יִדישער חתונה.

*און מוליע ווערט אַנטשלאָפֿן זיצנדיקערהייט. די קולות פֿון די קינדער ווערן אַלץ שטילער און שטילער.*

*פֿאַרטונקלונג און, ס'קען זײַן, אַז דאָס איז דער סוף*

***רמת־דן, 13. 02. 2012***



# אַ טישל פֿאַר דרײַ אירע

אַן איציק מאַנגער־שפּיל אין צוויי אַקטן

פּערסאָנאַזשן:

ר׳ איציק

ר׳ וועלוול

משה גרויס

ר׳ לופּו, דער קרעטשמער

מלכּה די קרעטשמערקע

הער זיגמונד קרויטער

כּלי־זמרים

*די געשעענישן קומען פֿאָר אין יאַס, אין יאָר 1937,*

*אין דער קרעטשמע ״לופּו סין לופּו״*

*די געשעענישן האָבן ניט צו טאָן מיט די אמתע ביאָגראַפֿיעס*

*פֿון די פּערסאָנאַזשן*

## ערשטער אַקט

# אין דער קרעטשמע

*אַ קרעטשמע אין יאַס.*

*אין מיטן דער קרעטשמע שטייט אַ טישל פֿאַר פֿיר פּערזאָן. אויפֿן טישל שטייט אַ גרויסער בוטל וויַין, פֿיר גלעזער, אַ לאַבן ברויט, ברינדזע, גרינע ציבעלעס און מאַסלינעס. בייַם טישל זיצט ר׳ איציק.*

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, איך האָב זיך אויסגעדרייט דעם לינקן פֿוס, און קען ניט אויפֿשטיין. זייַט אַזוי גוט, ברענגט מיר, ביטע, נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר און טינט.

*צום טישל גייט צו ר׳ לופּו.*

ר׳ לופּו:

נאַט אייַך אַ בויגן פּאַפּיר און טינט, און שרייַבט אייַך געזונטערהייט, נאָר... ר׳ איציק, האָט אויף מיר רחמנות. איך בעט אייַך... כ׳האָב דאָך געשטעלט וויַין פֿאַר פֿיר מענטשן, און גיט אַ קוק, דער בוטל איז שוין כּמעטליידיק. מיר וואַרטן אויף אַ זייער בכּבֿודיקן גאַסט. ער קומט אַזש פֿון ווין, כּדי צו הערן אייַך זינגען. זינגען, און ניט צו הערן אייַער שיכּור כראָפּען.

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, איר זענט זייער אַ גוטער מענטש, נאָר איך וויל אייַך זאָגן גאַנץ אָפֿן, – איר זענט ניט גערעכט. נאָר איר זענט טאַקע

יאָ געדעכט, אַז דער בוטל איז שוין כמעטליַדיק. עס זעט אויס ניט שיין... ביטע, נעמט אַוועק דעםליַדיקן בוטל און ברענגט אַ נײַעם, אַ פֿולן.

ר׳ לופו:

אָ, גאָטעניו, אַ כּלי־זמר בלײַבט אַ כּלי־זמר, טײַטש – אַ שיכּורניק.

ר׳ איציק:

וואָס זשע ווילט איר, ר׳ לופו? וואָס זאָל איך טאָן אין אַ קרעטשמע? שטריקן זאָקן אָדער שטעלן באַנקעס? און בכלל, איר האָט אַ טעות, איך בין ניט קיין כּלי־זמר, נאָר כ׳בין אַ כּלי־קודש, איך בין אַ פּאָעט!

ר׳ לופו:

אַ כּלי אַהער, אַ כּלי אַהין... דער עיקר איז, אַז איבער אײַך זאָל איך ניט אָנווערן דאָס פּנים. ניט יעדן טאָג כאַפּט זיך צו מיר אַרײַן אַ רײַכער ייִד אַזש פֿון סאַמע ווין.

ר׳ איציק:

אַך, ר׳ לופו, ר׳ לופו... כאַפּן כאַפּט ער זיך טאַקע אַרײַן צון אײַך, נאָר קומען קומט ער צו מיר. איר פֿילט אַ שטיקל אונטערשייד, האַ?

ר׳ לופו:

איר האָט מיר אין גאַנצן פֿאַרדרייט דעם קאָפּ. איך בין אַ פּראָסטער ייִד, פּשוט כ׳האָב ליב אַ שיין לידל.

ר׳ איציק:

הָא, דאָ האָט איר אַ טעות. כאַפּט אַ זיץ, ר׳ לופּו, כ׳וועל אײַך עפּעס זאָגן. מע קען ניט ליב האָבן אַ שיין לידל און אין דער זעלבער צײַט – פֿײַנט האָבן דעם פּאָעט.

ר׳ לופּו:

איך פֿאַרשטיי וואָס איר ווילט זאָגן, פּשוט כ׳האָב מורא, אַז איר וועט אַ תּל מאַכן פֿון אײַער לעבער.

ר׳ איציק:

וואָס מיר לעבער, ווער מיר לעבער. אָט דאָ טוט מיר וויי, עס ברענט מיר אָט דאָ, אויפֿן האַרצן.

ר׳ לופּו:

וואָס אי׳?

ר׳ איציק:

מײַן געליבטע איז אַוועק פֿון מיר.

ר׳ לופּו:

וואָס? זי האָט אײַך ניט ליב?

ר׳ איציק:

פֿאַרקערט, זי זאָגט, אַז זי האָט מיך זייער ליב.

ר׳ לופּו:

אָט דאָס פֿאַרשטיי איך שוין ניט.

ר׳ איציק:

וואָס קען איך אײַך זאָגן. עס ווײַזט אויס, אַז ס׳איז גאָר ניט גרינג ליב צו האָבן אַ פּאָעט. גוט, ברענגט מיר ווײַן.

ר׳ לופּו:

איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך זשאַלעווע אײַך אַ גלאָז ווײַן. ניין, פּשוט כ׳האָב מורא, אַז איר וועט מיר קאַליע מאַכן דעם וויזיט פֿון אַ רײַכן קונה.

ר׳ איציק:

ערשטנס, קומט הער קרויטער ״אַזש פֿון ווין״ צו מיר און ניט צון אײַך, און שנית, אפֿשר ווילט איר, אַז איך זאָל איבערגיין זיצן אין אַן אַנדער קרעטשמע?

ר׳ לופּו:

חס־וחלילה. וואָס רעדט איר עפּעס אַזוינס?...

ר׳ איציק:

און נאָך אַ זאַך... כ׳האָב פֿאַרגעסן אײַך צו זאָגן...

ר׳ לופּו:

וואָס נאָך?

ר׳ איציק:

אַחוץ הער קרויטערן פֿון ווין, קומט הײַנט פֿון טערקײַ מײַן אַלטער פֿרײַנד, ר׳ וועלוול.

ר׳ לופּו:

אויך אַ טרינקער?

ר׳ איציק:

שעמט זיך, ר׳ לופּו. איר האָט מזל, אַז איך האָב זיך אויסגעדרייט דעם פּוס, אַנדערש וואָלט איך איבערגעגאַנגען זיצן צו מענדל קאַטשקע. ר׳ וועלוול, זאָלט איר וויסן, איז אַ גרויסער פּאָעט. און אַ גרויסער מבֿין אויף רומענישן וויַין, אויף איַיער וויַין, ר׳ לופּו...

ר׳ לופּו:

נו, אויב אַזוי, טאָ איך בעט איבער איַיער כּבֿוד...

ר׳ איציק:

עס מאַכט ניט אויס. אַגבֿ, כ׳האָב אָנגעשריבן אַ ניַי ליד, זייער אַ פֿריילעך ליד, ספּעציעל פֿאַר איַיך... און איַיער פֿרוי... און איַיערע קינדער.

ר׳ לופּו:

איך גלייב ניט. ניין, באמת? פֿאַר מיר?

ר׳ איציק:

יאָ, באמת, פֿאַר איַיער פֿרוי.

ר׳ לופּו:

איז לאָמיר הערן.

ר׳ איציק:

קודם־כּל, ברענגט מיר אַ ניַיעם בוטל וויַין.

*ר׳ לופּו נעמט אַראָפּ דעםליידיקן בוטל און גייט אַוועק. אין דער זעלבער רגע קומט אַריַין ר׳ וועלוול און זעצט זיך צו צו ר׳ איציקס טיש.*

ר׳ איציק:

ר׳ וועלוול, ר׳ וועלוול... כ׳האָב געוואַרט אויף אײַך אַ גאַנצן יובֿל, אַ קלייניקייט צו זאָגן – פֿופֿציק יאָר. וואָס הערט זיך עפּעס נײַעס אויף יענער וועלט?

ר׳ וועלוול:

ברוך־השם, ר׳ איציק, ברוך־השם...

וואָס הערט זיך, וואָס הערט זיך...

מע גאָלט זיך, מע שערט זיך,

מע זאָגט אַ ליגן און מע שווערט זיך.

און בכלל, וואָס קען זיך שוין הערן?...

מע וויל ניט לערנען, מע וויל נאָר זיך מערן...

און וואָס קען אַ מת, מישטיינס געזאָגט, דאָ מאַכן?...

איר וועט טאַקע לאַכן, – מע פֿײַניקט דעם שוואַכן

און, גראָב, ווי די בערן, –

מע לעקט דעם תּחת בײַ די רײַכע הערן.

ר׳ איציק:

נו, יאָ, די צײַט לויפֿט און איר, ר׳ וועלוול, בײַט זיך ניט.

ר׳ וועלוול:

זיכער, – מה שהיה הוא שיהי׳... אָבער, איך בין דאָך אַ גאַסט. אַזוי נעמט מען הײַנט אויף געסט? ווּ איז די משקה?

ר׳ איציק:

גאָר טשיקאַווע... אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהערט, – אַ מת זאָל טרינקען!...

ר׳ וועלוול:

ראשית, בין איך ניט קיין מת, נאָר אַ גאַסט פֿון יענער וועלט, און שנית, – עס טוט מיר זייער באַנג, אַז דו, מײַן בעסטער און געליבטער תּלמיד, דווקא דו זשאַלעוועסט מיר אַ גלעזל ווײַן.

ר׳ איציק:

ר׳ וועלוול, וואָס רעדט איר עפּעס אַזוינס? כ׳האָב פּשוט געשיקט ר׳ לופּו צו ברענגען אַ נײַעם בוטל ווײַן.

ר׳ וועלוול:

דאָס איז גוט, ווײַל אַ מענטש וואָס טרינקט ניט, איז מיר בכלל ניט אינטערעסאַנט. נו, טו שוין עפּעס...

ר׳ איציק: /*שרײַט*/

באַלד... ר׳ לופּו, ס׳איז גוט אײַך שיקן נאָכן טויט. ווו איז דער ווײַן?

ר׳ לופּוס קול:

אָט קום איך...

ר׳ וועלוול:

דאָס איז גוט... וואָס באַהאַלטסטו דאָרט אונטערן טעלער?

ר׳ איציק:

אַזוי, גאָרניט... אַ נײַ ליד...

ר׳ וועלוול:

איז לאָמיר הערן.

*עס קומט אַרײַן ר׳ לופּו מיט אַ בוטל ווײַן אין דער האַנט. ר׳ וועלוול איז פֿאַר אים אומזעעוודיק.*

ר׳ לופּו:

אָט איז דער ווײַן, נאָר איך בעט אײַך זייער, וואַרט אַ ביסעלע מיטן טרינקען. אַז דער ווינער גאַסט וועט אָוועקפֿאָרן, וועל איך אײַך צוטראָגן אַ קריגל פּונעם בעסטן ווײַן, וואָס מע קען נאָר קריגן אין רומעניע.

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, זײַט באַקאַנט, – ר׳ וועלוול. וועלוול זבאַרזשער.

ר׳ לופּו: */קוקט זיך אַרום/*

נו, ווי געפֿעלט דאָס אײַך?... כ׳האָב אײַך געבעטן ווי אַ מענטש, – טרינקט ניט. און איר?... אָט, איר זעט שוין רוחות אַרומפֿליִען אין דער לופֿטן...

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, ווען איר וואָלט אַ ביסל מער געלערנט, וואָלט איר געוווּסט, אַז עס זענען דאָ זאַכן, וואָס עס זעען אַלע מענטשן, און עס זענען דאָ אַזעלכע זאַכן, וואָס עס זעען נאָר מלאָכים, צדיקים און פּאָעטן... ר׳ וועלוול, זאָגט אים צי איך בין ניט גערעכט...

ר׳ וועלוול:

זיכער, אַז איר זענט גערעכט. ר׳ איציק, לאָזט אים צו רו. זײַן פֿאָטער, ר׳ אַריה־לייב לופּו, אונדז צו לאַנגע יאָר, איז געווען אַ סך קליגער. האַ, ס׳איז ניטאָ וואָס צו רעדן...

ר׳ איציק:

איר הערט, ר׳ לופּו?

ר׳ לופּו:

וואָס זאָל איך הערן? אײַער סאָפּען?... אײַער סאָפּען איז פֿאַר מיר דער בעסטער באַווײַז, אַז איר זענט ניט קיין מלאך. בעסער, גרייט זיך צו צו דער טרעפֿונג מיטן הער קרויטער, איך בעט אײַך.

ר׳ וועלוול:

יאָ, דער דאָזיקער קרעטשמער איז ניט קיין קינסטלער...

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, גייט אײַך, גייט. איך האָב אַ גאַסט פֿון טערקײַ.

ר׳ וועלוול:

אמת, פֿון טערקײַ, נאָר איך בין ניט קיין טערק, און איך פֿאַרשטיי אַלץ, וואָס איר רעדט.

ר׳ לופּו:

האַ, עס איז שוין ניטאָ מיט וועמען צו רעדן...

*ר׳ לופּו דרייט זיך אויס און גייט אַוועק.*

ר׳ וועלוול:

מיט אים די סקוקאָטע[14] פֿירט אַ געראַנגל, אָן אים איז אין בויך אַ גאַנצער מאַנגל...

[14] סקוקאָטע – אומעט, נודנעקייט

ר׳ איציק:

האָ, אומעטום זוכסטו יושרדיקייט... ביסט ממש אַ קאָמוניסט.

ר׳ וועלוול:

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קרענק אַזאַ?

ר׳ איציק:

אַיאָ, כ׳האָב פֿאַרגעסן, ביסט דאָך געשטאָרבן מיט פֿופֿציק יאָר צוריק.

ר׳ וועלוול:

וואָס ציסטו די קו ביַי דער קאָדע? אַזוי נעמסטו אויף אַ גאַסט?

ר׳ איציק:

גוט, לאָמיר מאַכן אַ לחיים!

*ר׳ איציק צעגיסט וויַין אין גלעזלעך.*

ר׳ וועלוול:

זאָג עפּעס, וויַל אָן ווינטשעוואַניעס זעט עס אויס ווי אַ שיכּורע גויִישע הוליאַנקע.

ר׳ איציק:

כ׳בין מסכּים. אַנומלטן האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, וועגן איַיך און איַיער געליבטער מלכּהלע.

ר׳ וועלוול:

נו...

ר׳ איציק:

יאָסי. אַבענד, זיבן אוהר.

דאַטום: דריטער יענער.

אַדרעס: אַן וואָהלגעבאָרענע

פֿרוי מלכּהלע דער שיינער.

איך האַבע דיינען ליבן בריוו

מיט גראָסער פֿרייד געלעזן,

דו ביזט נאָך גוט און ליב צו מיר

פּונקט ווי דו ביזט געוועזן.

און וואָס דו שרייבסט מיר: ״ועלוול קרוין

לאָז אָפּ די גוטע ברידער,

זיי מיינען נאָר דאָס גלעזל וויין

און דיינע שיינע לידער״ –

איז דאָס איין אירטום, מלכּהלע,

דאָס זאָלסטו גוט געדענקען,

איין וואַהרער דיכטער, מלכּהלע,

מוז קענען זיך פֿאַרשענקען.

דעם ליכט, דער ליבע און דער נאַכט,

דעם רעגן און דעם שליאַך,

דעם טרוים, וואָס האָט אים בלינד געמאַכט,

די שטערנע אויפֿן דאַך.

דערווערבע און דעם עפּלבוים,

דעם פֿייגלכען, וואָס פֿליט

און דורך דעם שענקען, מלכּהלע

ווערט ציַיטיק ערשט דאָס ליד.

נון, האָסטו מיך פֿערשטאַנדן וואָהל,

נון, איז דיר אַלעס קלאָר –

איך קיסע דיַינען ליבן מונד

און דיַינע שיינע האָר.

איך קיסע דיַינע אויגן דיר

און בלײַב אויף אימער דיַינער,

אין ליבע און ערגעבנהייט

ווֶעלוול דער ציגיַינער.

פּאָסט סקריפּטום: ביטע גריסע דאָרט

די פֿריַינדע אונד בעקאַנטע

און שריַיבע:

זבאַרזשער־ערענקראַנץ

יאַסי, פּאָסטע רעסטאַנטע.

ר׳ ווֶעלוול:

ר׳ איציק...

ר׳ איציק:

יאָ...

ר׳ וועלוול:

דו האָסט מיר קאַליע געמאַכט דעם ווייַן.

ר׳ איציק:

איך?...

ר׳ וועלוול:

יאָ, דו. איך ווייַן, די טרערן פֿאַלן אין בעכער אַרייַן, און דאָס איז שוין ניט קיין ווייַן, נאָר עפּעס אַ ווייַבערישער שפּריץ. ר׳ איציק, לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר אונדזערע מלכות. לחיים!

ר׳ איציק:

פֿאַר די מלכות! לחיים!

*ביידע טרינקען, פֿאַרבייַסן און זענען ממשיך דעם געשפּרעך.*

ר׳ וועלוול:

דו שרייַבסט גאָר נישקשה, נאָר ביסט אַ פֿאַרביסענער ייִד.

ר׳ איציק:

איך בין אַ פֿאַרביסענער?

ר׳ וועלוול:

נו יאָ, ווער זשע דען? ווּ האָסטו געהערט, אַז איך זאָל רעדן ווי אַ טשערנאָוויצער דייַטש? דו מאַכסט חוזק פֿון מיר:

״איך קיסע דייַנע אויגן דיר

און בלייַב אויף אימער דייַנער,

אין ליבע און ערגעבנהייט

וועלוול דער ציגייַנער.״

ר׳ איציק:

ס׳איז דאָך אַ שפּאַס. איר ווייסט דאָך, אַז ווען אונדזערע ייִדן ווילן ווײַזן, אַז זיי זענען הויך געבילדעט, הייבן זיי אָן צו רעדן ווי זיי וואָלטן זיך נאָכגעקרימט נאָך אַ דײַטש. ס׳איז פּשוט אַזאַ הומאָר. ר׳ וועלוול, גלייבט מיר, אַז איך האָב ניט געוואָלט אָנרירן אײַער כּבֿוד, בנאמנות.

ר׳ וועלוול:

אָט דאָס הייסט בײַ דיר הומאָר?... גיס אָן און לייען ווײַטער.

ר׳ איציק:

מיט פֿאַרגעניגן. און וואָס הערט זיך בײַ אײַער מלכּהלען?

ר׳ וועלוול:

בײַ מלכּהלע דער שיינער? פֿון וואַנען זאָל איך וויסן? כ׳בין דאָך געשטאָרבן מיט אַ יובֿל צוריק! וואָס איז מיט דיר?... איך לעב דאָך נאָר אין דײַן האַרץ און אין דײַן דמיון.

ר׳ איציק:

יאָ, יאָ, זײַט מיר מוחל. לחיים?...

ר׳ וועלוול:

לחיים!

*זיי טרינקען און פֿאַרבײַסן.*

ר׳ וועלוול:

דײַקע דיר וועל איך זאָגן דעם ריינעם אמת.

ר׳ איציק:

וואָס פֿאַר אַן אמת?

ר׳ וועלוול:

קיין שום מלכּהלע איז בײַ מיר קיין מאָל ניט געווען.

ר׳ איציק:

וואָס הייסט? איז צו וואָס פֿאַר אַ כאָלערע זענט איר אַוועקגעפֿאָרן קיין סטאַמבול?

ר׳ וועלוול:

זאָל איך אַזוי וויסן פֿון אונדזערע צרות. פּשוט, ס׳איז געקומען מײַן צײַט צו שטאַרבן... פֿון ליבע שטאַרבט מען, ר׳ איציק.

ר׳ איציק:

איר האָט מיר אין גאַנצן פֿאַרדרייט די געהירן. ס׳איז יאָ געווען אַ געליבטע צי ס׳איז ניט געווען קיין געליבטע?

ר׳ וועלוול:

דעם אמת?...

ר׳ איציק:

דעם ריינעם אמת...

ר׳ וועלוול:

איך ווייס ניט.

ר׳ איציק:

אָצעם־קלאָצעם...

ר׳ וועלוול:

זי האָט געהייסן רחל־לאה, און זי איז געווען אַ חתונה געהאַטע, נאָר פֿאַר מיר איז זי געווען אַן אמתע מלכּה...

ר׳ איציק:

איך פֿאַרשטיי. ביי מיר איז די זעלבע מעשׂה...

ר׳ וועלוול:

גענוג צו רעדן וועגן פֿרויען... גיס אָן און לייען וויַיטער.

*ר׳ איציק פֿילט אָן די גלעזלעך און הייבט אָן צו לייענען. אין מיטן לייענען קומט אַריַין משה גרויס און שטעלט זיך אָפּ בייַם טישל.*

ר׳ איציק:

זאָג, מלכּהלע די שיינע,

צי געדענקסטו נאָך דאָס ליד:

״ס׳איז בעסער צו זיַין אַ דאָרן

איידער אַ בלום וואָס בליט״?

כ׳האָב דיר דאָס ליד געזונגען

איידער די באַן איז אַוועק,

איידער די האַרבסטיקע ווינטן

האָבן פֿאַרוויִעט דעם וועג.

די באַן איז אַוועקגעפֿאָרן

און ס׳איז אַוועק די שיף,

איצט וואָרקעט נאָך מיַין בענקשאַפֿט

מיט לידער און מיט בריוו.

בײַ לופּו סין לופּו אין שענקל

זיץ איך בײַם גלעזל װײַן,

אַ פֿרומער שטערן פֿינקלט

דורך דעם שויב צו מיר אַרײַן.

װאָלט איך געװען אַ שטערן,

װאָלט איך ניט לאַנג געטראַכט

און װאָלט מיט אַ שטילן ציטער

געפֿאַלן אויף דײַן דאַך.

און װאָלט איך געװען אַ שנײַדער,

װאָלט איך געפֿלויגן צו דיר,

און מיט מײַן גילדענעם פֿינגערהוט

אָנגעקלאַפּט אין דײַן טיר.

װאָלטסטו אַרויסגעקומען

אין דײַן לאַנגן, געשטריקטן העמד

און די פֿרעמד, װאָס האָט דיך געפֿאַנגען

װאָלט מער ניט געװעזן פֿרעמד.

״סקאָצל קומט״ – װאָלטסטו געמורמלט,

מיך פֿאַרבעטן אין שטוב אַרײַן

און ס׳װאָלט פֿאַרשמעקט אין שטיבל

מיט יונגע ניס און װײַן.

בין איך אָבער ניט קיין שטערן

און אַפֿילו קיין שנייַדער ניט,

איז מיר בעסער צו זייַן אַ דאָרן

איידער אַ בלום וואָס בליט.

ר׳ ווערלוול:

פּאַראַזיט וואָס דו ביסט! ווילסט מיך דערהרגענען ווילסטו?

ר׳ איציק:

וואָס אי׳? ס׳איז אַזוי שלעכט?

משה גרויס:

בראַוואָ, ר׳ איציק! ס׳איז עפּעס אַ נייַ שטיקל ליד, יאָ?

ר׳ ווערלוול:

ווער איז אָט דער חוצפּהניק ווער?

ר׳ איציק:

זייַט באַקאַנט, – דער יונגער־מאַן הייסט אַרעלע פֿייגיס, נאָר אַלע רופֿן אים משה גרויס. דרייַ יאָר פֿאָרט ער נאָך מיר נאָך און שרייַבט לידער, וואָס אַפֿילו אַ מומחה קען ניט אונטערשיידן ווו איז איציק מאַנגער און ווו איז אָט דער חוצפּהניק. פּשוט, ער דערגייט מיר די יאָרן.

משה גרויס:

ר׳ איציק, איר זענט שיכּור צי וואָס? מיט וועמען רעדט איר דאָ, מיט וועמען?

ר׳ איציק:

איך רעד מיט ר׳ וועלוולען. נאָר וואָס פֿון סטאַמבול.

ר׳ וועלוול:

העי, דו, חוצפּהניק איינער, וואָס דו ביסט! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו אַ מענטשן? גיי זיך וווּהין דו ביסט געגאַנגען.

משה גרויס:

האָ! נסים־ונפֿלאָות!!! איך חלום צי וואָס? ר׳ וועלוול? וועלוול זבאַרזשער??? אָך, אָט שטאַרב איך אויפֿן אָרט. אַנו, גיט מיר אַ פּאַטש אין די אויגן!

ר׳ וועלוול:

גענוג צו זשומען ווי אַ פֿליג! אַ גלעזל וויַין ווילסטו?

ר׳ איציק:

ער טרינקט ניט.

משה גרויס:

איך טרינק יאָ. מיט איַיך טרינק איך...

ר׳ וועלוול:

דאָס איז גוט, וויַיל אַ דיכטער וואָס טרינקט ניט איז מיר פּשוט ניט אינטערעסאַנט.

ר׳ איציק:

איך פֿיל, אַז באַלד וועט ווערן פֿריילעך...

משה גרויס:

האָט ניט קיין מורא, איך האָב שוין איין מאָל געטרונקען.

ר׳ איציק:

נו, יאָ, אַ מאָל האָט ער שוין געמאַכט אַ קידוש און מע האָט געמיינט, אַז עס קומט צו אַ קדיש.

משה גרויס:

ניט אמת.

ר׳ וועלוול:

גענוג צו בעבען. לחיים!

אַלע:

לחיים!

*אַלע טרינקען און פֿאַרבײַסן.*

ר׳ וועלוול:

נו, יונגער־מאַנטשיק, ביסט נאָך ניכטער?

משה גרויס:

נו יאָ.

ר׳ וועלוול:

דאָס איז שלעכט, נאָר נישקשה, די דערפֿאַרונג אין טרינקען וועט קומען צו דיר מיט די יאָרן. בעסער זינג מיר עפּעס אַ ליד...

משה גרויס:

מײַנס אַ ליד? וועגן וואָס?

ר׳ וועלוול:

וואָס הייסט ״וועגן וואָס״? ווּ זיצן מיר? אין אַ קרעטשמע? טאָ זינג אונדז עפּעס וועגן אַ קרעטשמע.

ר׳ איציק:

אַ שאָד, אַז כ׳האָב זיך אויסגעדרייט אַ פּוס...

ר׳ וועלוול:

ר׳ איציק, ביסט אַ בייזער ייִד... אָבער, נישקשה.... נו, זינג שוין עפּעס, דו, משה גרויס...

*משה גרויס שטייט אויף, גרייט צו זינגען. בינו־לבינו קומען זיך צונויף געסט, און די כּלי־זמרים האַלטן אונטער משהס זינגען:*

## *אַ נע־ונדישע דוינע*

בלאָער הימל, ביטערגראָז...

איך בין שיכּור און זאָרגלאָז.

כ׳זיץ אין שענקל, זשליאָקע ווײַן

און פּאַרבײַס מיט ליבעפּײַן.

ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז,

כ׳בין אויף הפקר, כ׳בין היימלאָז.

שלאָפֿן שלאָף איך אויף דער ערד

אויף דער פּאַשע לעם די פּערד,

לעם די פּערד און לעם די שאָף,

זיס און ביטער איז מײַן שלאָף.

ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז,

כ׳האָב געטרונקען אָן אַ מאָס.

שוואַרצע כמאַרעס, טערפּקע קימל...

כ׳זיץ אין שענק און כאַפּ אַ דרימל, –
מײַן געליבטע ז׳שיין און פֿײַן...
– ברענגט מיר גיך אַ פֿעסל ווײַן.
ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז...
גיט אַ ווינט אַ שאַרפֿן בלאָז...
כ׳ליג אין פֿעלד גלײַך אויף דער ערד,
לעם מיר פּאַשען זיך די פֿערד,
סיווע פֿערד און ווײַסע שאָף, –
זיס און ביטער איז מײַן שלאָף.
ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז,
איך בין שיכּור און זאָרגלאָז.
קאָרנבלומען, פֿרישע היי...
מײַן געליבטע ז׳מלא־חן.
מיר׳ן וועלן טרינקען ווײַן
ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן.
ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז...
כ׳ליג אין מיטן ברייטן שטראָז,
און מיט רעגן שמעקט די ערד...
כ׳האָב געטרונקען ווי אַ פֿערד
און געליטן ווי אַ שאָף.
אָף, מײַן שאַץ, שי יאַרע אָף.

ביטערגראָז, אוי, ביטערגראָז,

כ׳שטיי אין מיטן ברייטן שטראָז.

אַלע:

בראַוואָ! וויוואַט!

ר׳ וועלוול:

גאָר ניט שלעכט...

ר׳ איציק:

אָ גאָט מײַנער, איצט זאָגט מיר, – ווו בין איך און ווו בין "ניט איך"?

ר׳ לופו:

גאָט צו דאַנקען, איצט בין איך באַוואָרנט פֿון אַלע זײַטן... אָט זעט איר, ר׳ איציק, אַז אויך אָן ווײַן קען מען שרײַבן גוטע לידער.

ר׳ איציק:

ווייסט איר וואָס, ר׳ חיים?... קושט אַ בער אין אָחור...

ר׳ לופו:

פֿע, אַ דיכטער זאָל האָבן אַזאַ פּאַסקודנע מויל...

ר׳ איציק:

איך בין ניט קיין דיכטער!

ר׳ לופו:

וואָס זשע דען זענט איר? אַ קצבֿ?

ר׳ איציק:

איך בין אַ פּאָעט!

ר׳ וועלוול:

אָן קיין שום ספֿק, – ר׳ איציק, ביסט אַן אמתער פּאָעט. און דו, ר׳ לופּו, דו ביסט אַ גראָבער יונג, אַן עם־האָרץ און אַ זשלאָב! דײַן טאַטע, זאָל זיך מיִען, דווקא ער איז געווען אַן אמתער מבֿין סײַ אויף אַ שיין לידל און סײַ אויף אַ גלעזל וויַין.

ר׳ לופּו:

ווער רעדט עס דאָרטן?

ר׳ איציק:

ווער, ווער... אַ שנײַדער מיט אַ שער. ביסט פּלוצעם בלינד געוואָרן צי וואָס?... דאָס איז מײַן ליבער רבי און לערער, ר׳ וועלוול זבאַרזשער, אונדז צו לאַנגע יאָר.

ר׳ לופּו:

נו, נו, טרינקט ווײַטער, ר׳ איציק, טרינקט... דעם שׂכל האָט איר שוין פֿאַרטרונקען. אָבער נישקשה, איצט בין איך באַוואָרנט. משה גרויס, אַנו, קום מיט מיר אויף אַ מינוט, קום אַהער.

משה גרויס:

וואָס פּלוצעם? איך בלײַב דאָ, מיט ר׳ וועלוולען און ר׳ איציקן. אַז איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן, טאָ זאָגט דאָ, קיין סודות פֿאַר זיי האָב איך ניט.

ר׳ לופּו:

יאָ, האָסט טאַקע אַ גוטן לערער האָסטו. זע נאָר, אַז דו זאָלסט ניט אָנהייבן אין גיכן טרינקען ווי אַ פֿערד.

ר׳ איציק:

ר׳ לופּו, דאָס רעדט איר ווי אַ פֿערדאַטש. איך וויל אײַך זאָגן אַ קלוגע זאַך, נאָר איר זאָלט ניט זײַן אויף מיר ברוגז.

ר׳ וועלוול:

איציק, לאָז אים צו רו. זעסט דאָך, אַז ס׳איז ניטאָ מיט וועמען צו רעדן. לאָמיר אויסטרינקען, און זינג מיר עפּעס נאָך אַ שיין לידל.

ר׳ לופּו:

ווער רעדט עס דאָרטן? אַ שד? אַ רואה־ואינו־נראה?

ר׳ איציק:

פּונקט אַזוי.

ר׳ לופּו:

אַ שיינע מעשׂה... באַהיט זאָל מען ווערן. אַטפּו אויף מײַנע שׂונאימס קעפּ!

*ר׳ לופּו גייט אַוועק.*

ר׳ איציק:

אָט זעט איר שוין מיט וואָס פֿאַר אַ פֿערדאַטש זי מוז לעבן...

ר׳ וועלוול:

וועגן וועמען רעדסטו דאָ?

ר׳ איציק:

שאַ, שרײַט ניט. די קרעטשמערקע. אַ זעלטענע נשמה, אַ לעבן אויף איר.

משה גרויס:

אָפּאַ! אָט דאָס איז אַ נײַעס, פֿון אַלע נײַעס אַ נײַעס!

ר׳ איציק:

דו... אַנו, נעם דײַנע בעבעכעס און פֿאַרטראָג זיך פֿון דאַנען.

משה גרויס:

וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט? ״אָפּאַ״? קיין שלעכטס האָב איך זיכער ניט געהאַט אין זינען.

ר׳ וועלוול:

באמת, איציק, דו צינדסט זיך אָן ווי אַן איבערגעטריקנט שטיקל מאָך. דאָס בחורל האָט פשוט געטרונקען איבער דער מאָס.

ר׳ איציק:

ר׳ וועלוול, זײַט ניט קיין אַדוואָקאַט. ער דערגייט מיר די יאָרן. ער גייט מיר נאָך, ער זינגט מיר נאָך, ער קריכט מיר אַרײַן אין דער נשמה. אפֿשר ווילסטו אויך גיין מיט מיר צוזאַמען אין בעט צו מײַן געליבטער, האַ? וואָס שווײַגסטו?

משה גרויס:

ר׳ איציק... איך האַלט, אַז איר זענט אַ גרויסער פּאָעט, ממש אַ גאָון, אָבער, זײַט מיר מוחל, צוויי זאַכן פֿעלן אײַך...

*אַן אָנגעשטרענגטע פּויזע.*

משה גרויס:

אַ מאָל, ווען איר זענט... אונטערגעשאָסן, ס׳פֿעלט אײַך אַ ביסל איידלקייט, און אַ מאָל אויך – אַ מוזיקאַלישער אויער...

ר׳ איציק:

וואָס וואָס וואָס... דאָס איך האָב ניט קיין מוזיקאַלישן אויער?... וואָס האָסטו זיך נאַסיאַדעט אויף מיר, ווי אַ טשיריק אויפֿן תּחת, האַ?...

ר׳ וועלוול:

חבֿרה, איר מאַכט מיר קאַליע דעם יום־טובֿ...

משה גרויס:

רבותי, זײַט מיר מוחל, איך מוז גיין. מע וואַרט אויף מיר...

*משה גרויס שטייט אויף און גייט אַוועק אין אַן אַנדערן צימער.*

ר׳ וועלוול:

יאָ, אַ שיינע מעשׂה... איציק, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום בחורל? ער איז גאָר אַ ווילער יאַט...

ר׳ איציק:

זײַט מיר מוחל. די נערוון מײַנע הרגענען מיך... אַלץ גייט מיר קרום־קײַלעכדיק־קאַפּויער...

ר׳ וועלוול:

איציק, איציק, איציק־קרוין... דו קומסט ניט אויס ניט מיט די פֿרײַנד און ניט מיט די פֿײַנט, ניט מיט די, וואָס האָבן דיך ליב, און... מיט זיך אַליין, ווײַזט אויס – אויך ניט.

*אַ פּויזע. ר׳ איציק גיסט זיך אָן אַ גלעזל און טרינקט עס אויס, אָן צווווינשטן יענעם און אויך זיך אַליין.*

ר׳ וועלוול:

דו טרינקסט ווי אַ בעל־עגלה, אַבי צו טרינקען...

*ר׳ איציק ענטפֿערט ניט.*

האָסט זי ליב? די קרעטשמערקע... ווי הייסט זי?

ר׳ איציק:

מלכּה.

ר׳ וועלוול:

נאָך אַ מלכּה... יאָ, אַ שיינע מעשׂה...

ר׳ איציק:

נאָך נעכטן האָב איך געוואָלט אַוועקפֿאָרן, נאָר דאָ פּלוצעם איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון ווין, אַז דער רײַכער בעל־טובֿה הער קרויטער וויל מיך זען און אַפֿילו מיטנעמען מיט זיך קיין עסטרײַך, אַז איך זאָל זינגען דאָרטן פֿאַר די רײַכעלײַדיק־גייערס.

ר׳ וועלוול:

מע טאָר ניט בײַסן די האַנט וואָס גלעט דיך.

ר׳ איציק:

יאָ, איר זענט גערעכט, ר׳ וועלוול...

ר׳ וועלוול:

גערעכט צי ניט גערעכט, עס מאַכט ניט אויס. פּשוט, דו מאַכסט די זעלבע פֿעלערן וואָס איך האָב אַ מאָל געמאַכט. אָבער, צו

וואָרענען אַ פּאָעט איז דאָס זעלבע וואָס צו וואָרענען אַ משוגענעם.

ר׳ איציק:

ווייסט איר וואָס... כ׳וועל ניט וואַרטן אויף דעם הער קרויטער, איך פֿאָר אַוועק גלײַך איצטער, גלײַך איצטער...

ר׳ וועלוול:

ווערסט חרטה האָבן, נאָר... דײַן האַרץ איז דײַן האַרץ... און נאָר דער אייבערשטער קען לייענען דײַנע כוונות...

*ר׳ איציק שטייט אויף פֿון שטול.*

*אין דער זעלבער רגע לאָזט זיך הערן דאָס צאָקען פֿון אַ פֿערד, נאָך דעם – אַ הויך געשריי, – ״צאָפּ־צאָבאַ, טפּרו־ו...״ און אין דער קרעטשמע לויפֿט אַרײַן אַ יונגער צעפּלאַמטער און צעהייצטער הער קרויטער. ר׳ לופּו לויפֿט אים אַנטקעגן.*

# איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט...

הער קרויטער:

גוטען אַבענד, מײַנע ליבע דאַמען און הערן.

ר׳ לופּו:

ברוך־הבאָ, ליבער הער קרויטער, ברוך־הבאָ. אַזאַ גאַסט אין שטעטל, אַזאַ גאַסט...

הער קרויטער:

ברוכים־הנימצאָים, מײַנע ליבע פֿרוינדע...

ר׳ לופּו:

מאַטילדע, מאַטילדע, קום אַהער. נעם אָפּ בײַם חשובֿן גאַסט דעם מאַנטל און דעם שטעקן.

*עס קומט צו לויפֿן אַ פֿלינקע יונגע פֿרוי, נעמט אָפּ בײַם הער קרויטער דעם מאַנטל און דעם הוט; דעם שטעקן, אָבער, לאָזט ער איבער בײַ זיך.*

הער קרויטער:

אַ שיינעם דאַנק, מאַדאַם.

*מאַטילדע ענטפֿערט ניט, נעמט אָפּ די זאַכן און גייט אַוועק.*

ר׳ לופּו:

איר זענט מסתּמא מיד און הונגעריק, הער קרויטער. איז קודם־כּל, וואַשט אײַך די הענט און זעצט זיך צום טיש. מאַטילדע, ברענג אַהער אַ קאַנע מיט וואַסער און אַ פֿרישן האַנטעך.

*עס לויפֿט אַרײַן מאַטילדע מיט אַ שיסל, אַ קאַנע און אַ האַנטעך אויף אַ גרויסן טאַץ, און שטעלט אים אויף אַ טישל, וואָס שטייט בײַ דער זײַט.*

הער קרויטער:

דאַנקע, פֿילן דאַנקע, פֿראַו מאַטילדאַ.

*הער קרויטער וואַשט זיך אָפּ די הענט. מאַטילדע נעמט דעם טאַץ און איז אָפּ.*

ר׳ לופּו:

הער קרויטער, זײַט באַקאַנט, הער איציק מאַנגער.

ר׳ איציק:

זייער אָנגענעם, הער קרויטער. ביטע, זעצט זיך צום טיש.

הער קרויטער:

מיט פֿאַרגעניגן.

ר׳ איציק:

ווי איז געווען דער וועג?

הער קרויטער:

אַ דאַנק, גאָר נישקשה, זייער אַ שיינע לאַנדשאַפֿט.

ר׳ איציק:

יאָ, רומעניע איז אַ שיין לאַנד. אַ גלעזל ווײַן ווילט איר?

הער קרויטער:

מיט אײַך? מיט פֿאַרגעניגן.

ר׳ לופּו:

הער קרויטער, אפֿשר ווילט איר עפּעס באַזונדערס? איך האָב אַ פֿלאַש פּרעכטיקן פֿראַנצייזישן ״מערלאָ״.

הער קרויטער:

אַ כשרער פֿראַנצייזישער ״מערלאָ״? זייער אינטערעסאַנט. אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהערט.

ר׳ לופּו:

ניין, זײַט מיר מוחל... דער ווײַן איז... נו, איר פֿאַרשטייט...

הער קרויטער:

עס מאַכט ניט אויס, כ׳וועל טרינקען דעם זעלבן ווײַן, וואָס עס טרינקט הער מאַנגער.

ר׳ איציק:

אַ דאַנק, איר זענט זייער וויל צו מיר.

הער קרויטער:

אַ דאַנק אײַך. ווּ קען איך זיך אַוועקזעצן?

ר׳ וועלוול:

איציק, גיב אַכט, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויפֿזעצן אויף מיר.

ר׳ איציק:

ביטע, דאָ, אַנטקעגן מיר וועט אײַך זײַן באַקוועם, מיין איך.

הער קרויטער:

אַ דאַנק. אפֿשר קענט איר מיך באַקענען מיטן מאַן, וואָס זיצט מיט אונדז בײַם טיש.

ר׳ איציק:

איר זעט דאָ עמעצן זיצן בײַם טיש?

הער קרויטער:

אַנטשולדיקט...

ר׳ איציק:

יאָ, יאָ, זײַט מיר מוחל, דאָס איז מײַן שולד. זײַט באַקאַנט, – הער בנימין־וואָלף ערענקראַנץ, הער זיגמונד קרויטער.

הער קרויטער:

זייער אָנגענעם. זיגמונד. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב שוין אַ מאָל געהערט אײַער נאָמען. ערענקראַנץ, וואָלף ערענקראַנץ... ניין, איך דערמאָן זיך ניט.

ר׳ וועלוול:

אויך מיר איז זייער אָנגענעם. איך מיין, אַז איך האָב עפּעס געהערט וועגן עמעצן פֿון אײַער משפּחה. איר זענט דאָך פֿון ווין, אַיאָ?

הער קרויטער:

יאָ, ריכטיק.

ר׳ וועלוול:

איך האָב אַ מאָל געקענט הער זיגפֿריד קרויטערן פֿון ווין, ער איז געווען אַ גרויסער קענער פֿון ייִדישער קונסט און אַ גרויסער בעל־טובֿה.

הער קרויטער:

זיגפֿריד קרויטער איז געווען מײַן עלטער־זיידע, אָבער ער איז געשטאָרבן מיט זעכציק יאָר צוריק. זײַט מיר מוחל, ווי אַלט זענט איר?

ר׳ איציק:

הער קרויטער...

הער קרויטער:

איר קענט מיך רופֿן גאַנץ פּשוט – זיגמונד.

ר׳ איציק:

יאָ, זיגמונד. אויך איר קענט מיך רופֿן גאַנץ חבֿריש – איציק.

הער קרויטער:

און הער  ערענקראַנץ?

ר׳ וועלוול:

מיך קענט איר רופֿן וועלוול.

הער קרויטער:

וועלוול ערענקראַנץ.

ר׳ וועלוול:

ניין, בנימין־זאבֿ  ערענקראַנץ, אָדער – וועלוול זבאַרזשער.

הער קרויטער:

האָ, גאָט פֿון אַבֿרהם, פֿון יצחק און יעקבֿ... איר לעבט נאָך?...

ר׳ וועלוול:

אַ מאָל יאָ, און אַ מאָל ניין. דווקא הײַנט – יאָ.

הער קרויטער:

דאָס איז אַ שפּאַס? האַ, איך האָב פֿאַרשטאַנען. איר זענט אַ שווישפּילער און איר שפּילט עפּעס אַ ראָלע פֿון אַ גײַסט אין ר׳ איציקס נײַער כּישוף־פּיעסע. און איך בין פּשוט אָנגעקומען גלײַך אין מיטן אַ רעפּעטיציע. איר טרײַבט קאַטאָוועס, יאָ?

ר׳ וועלוול:

הלוואַי וואָלט דאָס געווען אַ שפּאַס. ניין, איך בין באמת דער גײַסט פֿון וועלוול זבאַרזשערן, אַ געשפּענסט, איך בין געקומען אויף אַ קורצער צײַט, נאָר אונטערצוהאַלטן ר׳ איציקן אין אַ שווערער לאַגע.

הער קרויטער:

אַ גײַסט? אַ לעבעדיקער מענטש קען זען אַ גײַסט?

ר׳ וועלוול:

ניט יעדער איינער. צום בײַשפּיל, ר׳ לופּו זעט מיך ניט, אָבער איר און משה גרויס זעען מיך יאָ, ווײַל מיר, זאַלבע דריט, מיר האָבן די זעלבע כּוונה, – מיר ווילן העלפֿן אַ גרויסן ייִדישן פּאָעט.

הער קרויטער:

איר ווייסט, איך בין אַ משׂכּיל, דערצו נאָך אַ קאַוואַלעריע־אָפֿיציר, און איך גלייב ניט אין די אַלע ייִדישע זאַבאַבאָנעס.

ר׳ וועלוול:

זאַבאַבאָנעס, זאָגט איר... גיט אַ קוק אין די ייִדישע ענציקלאָפּעדיעס, וועט איר זען, אַז בנימין־זאבֿ ערענקראַנץ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1812, אין יאָר 1819, אין יאָר 1821 און צום סוף, – אין יאָר 1826. אָט דאָס חידושט אײַך ניט? צי קען דען דער זעלבער מענטש געבוירן ווערן פֿינעף אָדער זעקס מאָל נאָך אַנאַנד?

הער קרויטער:

אמת, אַזוי שטייט געשריבן אין די ענציקלאָפּעדיעס.

ר׳ וועלוול:

ר׳ זיגמונד, איך וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת. הײַנט איז מײַן געבורטסטאָג, הײַנט בין איך געוואָרן הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלט. און הײַנט איז דער לעצטער טאָג, ווען מײַן נשמה, מײַן גײַסט קען זיך מאַטעריאַליזירן כאָטש אויף אַ פּאָר שעה. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַ קוק טאָן מיט מײַנע אייגענע אויגן אָט אויף דעם אָ געניאַלן אידיאָט. און וואָס וועט זײַן מאָרגן ווייסט ניט קיינער. גלייבט מיר אויפֿן וואָרט, אַז אַנדערש וואָלט איך ניט געקומען.

הער קרויטער:

יאָ, אַ שיינע מעשׂה, ממש אַ ספּעקטאַקל...

ר׳ איציק:

נו, וואָס זיצן מיר עפּעס ווי, ניט דאָ געדאַכט, פֿאַרדיבוקט. לאָמיר מאַכן אַ לחיים.

הער קרויטער:

מיט פֿאַרגעניגן. נאָר איין מינוט. הער לופּו, אַנטשולדיקט מיר, הער לופּו...

*עס לויפֿט אַרײַן ר׳ לופּו.*

ר׳ לופּו:

יאָ, ביטע, הער קרויטער, וווּס וואָלען זי?

ר׳ איציק:

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לשון? ר׳ לופּו, רעדט ווי אַ מענטש.

הער קרויטער:

עס מאַכט ניט אויס. ביטע, איך וויל באַשטעלן אַ פֿלאַש שליוואָוויץ און אַ גוטן ייִדישן ראָסלפֿלייש, אויף דרײַ פּערזאָן.

ר׳ לופּו:

אויף דרײַ אירע? איך האָב געמיינט, אַז אירווילט איבעררעדן מיט ר׳ איציקן, אַזוי געזאָגט, אונטער פֿיר אויגן. איר וואַרט נאָך אויף אַ גאַסט?

הער קרויטער:

הע...

ר׳ איציק:

יאָ אַ גאַסט, ניט קיין גאַסט... אפֿשר וועט משה גרויס צוקומען שפּעטער.

ר׳ לופּו:

כ׳האָב אַלץ פֿאַרשטאַנען. שליוואָוויץ, צום שליוואָוויץ, און אַ ראָסלפֿלייש, פֿאַר דרײַ אירע, פֿאַר דרײַ מענטשן.

הער קרויטער:

געווי. אַ דאַנק אײַך.

ר׳ לופּו:

דאַן וועל איך אַוועקנעמען דעם פֿערטן שטול, עס זאָל אײַך זײַן באַקוועמער צו זיצן.

הער קרויטער:

הער לופּו, באַמיט זיך ניט. איך האָב ליב אַוועקצולייגן מײַן שטעקן אויפֿן שטול, לעבן זיך...

ר׳ לופּו:

האָ, יאָ, איך פֿאַרשטיי אײַך.

*ר׳ לופּו איז אָפּ.*

הער קרויטער:

יאָ, נסים־ונפֿלאָות... הער לופּו האָט אײַך ניט באַמערקט.

ר׳ וועלוול:

איך בין אויף אים ניט ברוגז.

*אַ פּויזע.*

הער קרויטער:

נו, רבותי, אפֿשר מאַכן מיר אַ לחיים?

ר׳ איציק:

מיט פֿאַרגעניגן.

*ר׳ איציק צעגיסט ווײַן אין די גלעזלעך און ווינטשט:*

פֿאַר אונדזער טײַערן גאַסט. לחיים!

הער קרויטער:

פֿאַר דער גרויסער ייִדישער פּאָעזיע! לחיים!

אַלע:

לחיים, לחיים־טובֿים!

*מע טרינקט, מע פֿאַרבײַסט. ר׳ װעלוול הייבט אָן צו זינגען, פֿון דרויסן קומט אַרײַן משה גרויס און שטעלט זיך אָפּ בײַ דער סטויקע. פֿון הינטער דער סטויקע קומט אַרויס מלכה און הערט זיך צו צום ליד.*

ר׳ וועלוול: */זינגט/*

אַך, דו הייליקע בלום, ביסט אייביק יונג און שיין,

נאָר די מענטשן די דומע, ווען דיך ניט פֿאַרשטיין.

און ווען איך ווער בײַ מיר געפֿאַלן,

ווען מײַן נשמה ווערט פֿאַרשלאַפֿט,

שלאָגסט דו אויף מיר דײַנע שטראַלן,

באַקום איך ווידער נײַע קראַפֿט.

הער קרויטער:

אַ שיין ליד. די בלום, מיין איך, איז ניט קיין בלום, ניט קיין געוויקס, נאָר אײַער געליבטע. איך בין גערעכט, ר׳ וועלוול.

ר׳ איציק:

זײַן געליבטע, מײַן געליבטע...

הער קרויטער:

וואָס? איר האָט מיר עפּעס געזאָגט?

ר׳ איציק:

וואָס זיצן מיר אַזוי ניט פֿריילעך, האַ, ר׳ זיגמונד?... הײַנט איז דאָך אַ יום־טובֿ!

הער קרויטער:

אַ יום־טובֿ? אין מיטן חודש אלול?

ר׳ איציק:

אַיאָ, הײַנט איז דער געבורטסטאָג פֿון אונדזער טײַערן פּאָעט וועלוול זבאַרזשער. הײַנט ווערט ער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלט. ר׳ לופּו, ווײַן פֿאַר אַלע געסט! איך צאָל!

הער קרויטער:

ניין, איך צאָל. הער לופּו, ווײַן פֿאַר אַלע געסט, איך צאָל!

ר׳ איציק: */זינגט/*

כ׳האָב, מלכּהלע, אַ ליד פֿאַרפֿאַסט

און דערצו געמאַכט אַ ניגון:

״דער חלום ווײַזט אונדז גילדענע בערג

און צום סוף איז עס אַ ליגן״.

אַ ראַיה האָסטו, מלכּהלע,

אָט בין איך דאָ אַנימלט,

זיצנדיק בײַם גלעזל װײַן,
בײַם טישל אײַנגעדרימלט.
האָט מיר דער פֿויגל פֿלאַטער־פֿלי
אויף זײַנע גילדענע פֿליגל
געבראַכט אַ בריװעלע פֿון דיר
פֿאַרחתמעט מיט אַ זיגל.
און אַז איך האָב עס אויפֿגעמאַכט
און אָנגעפֿאַנגען לעזן,
איז עס ניט קיין בריװ געװען
נאָר דו ביסט עס געװעזן.
אַ שלאַנקע, מיט צעלאָזטע האָר
ביסטו פֿאַר מיר געשטאַנען
און ס׳האָבן הינטערן פֿענצטער זיך
צעצװיטעט די קאַשטאַנען.
האָסטו געזאָגט: ״אוי, װעלװל־קרױן,
װאָס כ׳האָב זיך אָנגעליטן״ –
און ס׳האָט דער אַלטער ליפּעבוים
אויף ס׳נײַ גענומען צװיטן.
האָב איך געזאָגט: ״גוט, מלכּהלע,
גוט, װאָס דו ביסט געקומען״
– און כ׳האָב מיט מײַנע בײדע הענט –

דעם טיש אַרומגענומען.

האָט זיך די שענקערקע צעלאַכט:

״וואָס האָט זיך אײַך געטראָפֿן?

איר זענט, ווײַזט אויס, הער ערענקראַנץ,

בײַם טישל אײַנגעשלאָפֿן״.

בין איך אַוועק אין מײַן האָטעל

און גענומען טינט און פֿעדער

און כּדי פֿאַר הײַנט און אַלע מאָל

זאָל וויסן עס אַיעדער,

האָב איך דאָס שיינע ליד פֿאַרפֿאַסט

און דערצו געמאַכט אַ ניגון –

דער חלום ווײַזט אונדז גילדענע בערג

און צום סוף איז עס אַ ליגן.

*אַז ר׳ איציק פֿאַרענדיקט זינגען, ווערט ר׳ וועלוול צערונען אין דער לופֿטן. פֿון זײַן שטול שלאָגט אויס צו דער סטעליע אַ קליין ווײַס וואָלקנדל.*

הער קרויטער:

ר׳ וועלוול, וווהין זענט איר אַהינגעקומען? ר׳ וועלוול....

ר׳ איציק:

דער חלום ווײַזט אונדז גילדענע בערג

און צום סוף איז עס אַ ליגן.

ר׳ זיגמונד, איר זענט אַ ווילער מענטש. לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר דעם שיינעם חלום.

הער קרויטער:

מיט פֿאַרגעניגן. אָבער ווּהין איז אַהינגעקומען אונדזער... אונדזער...

ר׳ איציק:

ווער? די גאָלדענע פּאַווע? האָ, זי איז אַוועקגעפֿלויגן איבערן שוואַרצן ים... צו דער מלכּה פֿון טערקײַ...

הער קרויטער:

איז לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר די שיינע בלומען, – פֿאַר די פֿרויען. ווי אַן אָפֿיציר, לייג איך פֿאָר אויסטרינקען פֿאַר די פֿרויען שטייענדיקערהייט. רבותי, פֿאַר די פֿרויען!

ר׳ איציק:

פֿאַר די בלומען, פֿאַר דעם שיינעם חלום!

*אַלע טרינקען.*

הער קרויטער:

ר׳ איציק, איידער איך ווער פֿריילעך, וויל איך מיט אײַך איבעררעדן וועגן אַן ערנסטן ענין.

ר׳ איציק:

אַדרבא־ואַדרבא... כאָטש איך, פֿון מײַן זײַט, האָב ליב צו רעדן וועגן ערנסטע זאַכן ווען איך בין שוין גאָר פֿריילעך. ביטע, ר׳ זיגמונד, פֿאַרבײַסט מיט אַ שטיקל ברינזע. ווײַן און ברינזע – דאָס איז אַ פּרעכטיקער בוקעט!

הער קרויטער:

אַ דאַנק. איך וועל עס מאַכן קורץ. איך בין איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון דער ווינער קהילה, און יעדע צוויי־דרײַ יאָר טיילן מיר צו אַ סטיפּענדיע איינעם פֿון די באַרימטע ייִדישע פּאָעטן פֿון מיזרח־אייראָפּע, אַז דער פּאָעט זאָל זיצן אין ווין אויף אונדזערע קעסט און – שרײַבן, שרײַבן און שרײַבן.

ר׳ איציק:

יישר־כּוח, ר׳ זיגמונד, יישר־כּוח, ממש אַ ייִדישער אויפֿטו.

הער קרויטער:

אַ דאַנק. איך וועל זײַן מיט אײַך גאַנץ אָפֿן. מיט צוויי יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ נײַעם קאַנדידאַט פֿאַר דער סטיפּענדיע, האָבן מיר זיך געוואַקלט, און ניט געקענט אויסקלײַבן פֿון די צוויי נעמען...

ר׳ איציק:

איך הער אײַך...

הער קרויטער:

מיר האָבן זיך געוואַקלט צווישן צוויי קאַנדידאַטן – איציק מאַנגער און אליעזר שטיינבאַרג...

ר׳ איציק:

זכרונו לבֿרכה...

הער קרויטער:

זכרונו לבֿרכה.

ר׳ איציק:

און איר זענט ספּעציעל געקומען קיין יאַס?

הער קרויטער:

ספּעציעל און ניט ספּעציעל. כ׳בין געווען אין וואַרשע, נאָר מע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אָפּגעפֿאָרן קיין רומעניע, אויף אורלויב. כ׳בין געווען אין טשערנאָוויץ, אין לעמבערג, אין קעשענעוו, און...

ר׳ איציק:

יאָ, איך פֿאַרשטיי. אַן אומגעריכטע נײַעס.

הער קרויטער:

איך בין אַ גלײַכער מענטש. אײַלט זיך ניט מיטן ענטפֿער, מיר האָבן אַ פּאָר טעג אויף צו באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין פֿון אַלע זײַטן.

ר׳ איציק:

יאָ, יאָ, אַ דאַנק...

*אַ פּויזע.*

הער קרויטער:

גיט אַ גוטן טראַכט וועגן אונדזער פֿאָרשלאָג.

ר׳ איציק:

יאָ, איך וועל עס טאָן. אַגבֿ, ר׳ זיגמונד, צי זעט איר דאָרטן, בײַ דער סטויקע, *שטייט* אַ יונגער־מאַן?

הער קרויטער:

יאָ, ווער איז דאָס?

ר׳ איציק:

האָ, דאָס איז אַן אוניקום. איר דערלויבט מיר?...

הער קרויטער:

יאָ, זיכער. ווי הייסט ער?

ר׳ איציק:

ער הייסט משה. משה גרויס, וואָס שטייסטו דאָרטן אָנגעבלאָזט ווי אַן אינדיק? קום אַהער, דו, פֿילאָסאָף...

*משה גרויס קווענקלט זיך, נאָר קומט צו צום טישל.*

ר׳ איציק:

משה, זײַ באַקאַנט, – הער זיגמונד קרויטער פֿון ווין. הער קרויטער, – משה גרויס, אין פֿריִערדיקן לעבן – אַרעלע פֿייגיס.

הער קרויטער און משה גרויס:

זייער אָנגענעם.

ר׳ איציק:

משה, שטיי ניט ווי אַ בוים אויפֿן וועג, כאַפּ אַ זיץ.

משה גרויס:

אַ דאַנק. און ווו איז אונדזער?...

ר׳ איציק:

ווער? דער נעכטיקער חלום?

״דער חלום ווײַזט אונדז גילדענע בערג

און צום סוף איז עס אַ ליגן״.

הער קרויטער:

ר׳ משה, ביטע, פֿילט זיך היימיש. ווײַן, ברינזע...

ר׳ איציק:

און לידער.

הער קרויטער:

האָ, איר זענט אַ פּאָעט?

משה גרויס:

איך... איך...

ר׳ איציק:

וואָס קוועטשסטו זיך, ווי אַ בתולה? יאָ, ער איז אַ פּאָעט און ער דערגייט מיר די יאָרן. איך קען שוין ניט אונטערשיידן ווו זענען מײַנע לידער און ווו זענען זײַנע. אַ צרה אויף מײַן קאָפּ...

הער קרויטער:

גאָר אַזוי? הייסט עס, אַז ר׳ משה איז אײַערער אַ תּלמיד?

ר׳ איציק:

דאָס איך בין זײַנער אַ תּלמיד.

משה גרויס:

ר׳ איציק, אויב איר ווילט, אַז איך זאָל אַוועקגיין, וועל איך אַוועקגיין.

ר׳ איציק:

שאַ! מע האָט דיך געבאָדן אין הייסן וואַסער צי וואָס?... זייַ און שווייַג. איך ווייס וואָס איך זאָג. דער בחור טענהט, אַז איך האָב ניט קיין מוזיקאַליש געהער. און ער איז גערעכט, איך הער די מעלאָדיע און דעם ריטעם, נאָר איך קען זיי ניט אויספֿירן אַזוי ווי איך הער. דאָס איז אַ גרויסע צרה. אַז איך הייב אָן צו זינגען, פּגרן די פֿייגל און צעלויפֿן זיך די מיידלעך. און משהלע מיינט, אַז איך בין בייז אויף אים פֿאַר זייַנע אמתע ווערטער. דער אמת, אָבער איז, אַז איך בין בייז אויף זיך אַליין. דערצו נאָך האָט ער אַ שיין קול, און איך האָב אַ קרענק און ניט קיין קול.

הער קרויטער:

איך בין ממש צעמישט פֿון אייַערע ווערטער.

ר׳ איציק:

הע, ווייס איך וואָס... אַ שאָד, אַז איך האָב זיך אויסגעדרייט דעם לינקן פֿוס און איך קען ניט אויפֿשטיין. ווען ניט מייַן פֿוס, וואָלט איך גלייַך געגאַנגען אין דרויסן אַרייַן און געבראַכט דעם בחורל אַ פּאָר אָליוון-צווייַגן.

משה גרויס:

ר׳ איציק, גענוג...

ר׳ איציק:

אָבער נאָך אַ גרעסערע מעלה זייַנע איז, אַז ער שרייַבט גוטע לידער, באַמערקט – אָן אַ טראָפּנדל ווייַן, כאָטש ווייַן איז געגליכן צו דער תּורה.

הער קרויטער:

ר׳ משה, אפשר וועט איר פאַרשאַפן אונדז דאָס פאַרגעניגן צו הערן עפעס פון אײַערע לידער?

ר׳ איציק:

זיכער. ר׳ לופו, רופט דעם עולם צו אונדזער טישל. משה גרויס וועט זינגען מײַנע לידער. מוחל, זײַנע לידער.

*צום טישל גייען צו כלי־זמרים און געסט. מלכהלע בלײַבט שטיין בײַ דער סטויקע. משה גרויס הייבט אָן זינגען:*

## אַ פריילעכע קרעטשמע

אין אַ קרעטשמע בײַ אַ וואַלד

קומען זיצן יונג און אַלט.

אין דער קרעטשמע בײַ אַ וועג

פריילעך איז דאָך אַלע טעג.

און די קרעטשמערקע אַליין

איז אי יונג אי מלא־חן.

ווער ס׳האָט זי אַ מאָל געזען

פילט אין האַרצן פײַער־ברען.

יונגער ווײַן אין אָסיענצײַט

נעמט צונויף די ווילדע לײַט.

אויך דער קרעטשמער אין אַ שפּאַס,

זשליאָקעט ווײַן גלײַך פון דער פאַס.

שיכּור לוט, קונדסעוואַטע

קראַצט ער זיך די לינקע פּיאַטע,

נאָר ווער אים וועט איבערטרינקען

וועט דאָס גאַנצע לעבן הינקען.

ליגט אַ בחור אויף אַ באַנק,

קושט זיך מיט אַן אַלטער שלאַנג.

אַזאַ יאָר אויף מײַנע שׂונאים

אויב זי האָט געהערט פֿון בשׂמים.

אָבער זי האָט אַלע מעלות,

ווען זי קרעכטשעט מיט התלהבֿות.

ווער אין חלום וועט זי זען

אויפֿשטיין וועט מיט אַ געוויין.

הער קרויטער:

בראַוואָ! ר׳ משה, איר זענט באמת גרויס! וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט!

משה גרויס:

אַ דאַנק אײַך אַלעמען.

*משה פֿאַרהוסט זיך און קען זיך ניט אָפּשטעלן.*

משה גרויס:

זײַט מיר מוחל, איך מוז אײַך פֿאַרלאָזן אויף אַ פּאָר מינוט.

*משה לויפֿט אַרויס פֿון דער קרעטשמע.*

ר׳ איציק:

יאָ... דאָס אי׳ דאָס. כ׳האָב גערעדט מיטן דאָקטער. צוויי יאָר מאַקסימום, ניט מער... אַ מכּה אין די לונגען, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט.

הער קרויטער:

איך פֿאַרשטיי... ער ווייסט וועגן דעם?

ר׳ איציק:

ניין. און בעסער, אַז ער זאָל ניט וויסן, ער איז דאָך אַ פּאָעט, אַ גוטער פּאָעט.

הער קרויטער:

יאָ, איך פֿאַרשטיי אײַך.

ר׳ איציק:

ר׳ זיגמונד, אַנומלטן האָב איך פֿאַרענדיקט אַ נײַ ביכל, עס הייסט ״וועלוול זבאַרזשער שרײַבט בריוו צו מלכּהלע דער שיינער״. אָט איז דער כּתבֿ־יד. נעמט עס אַ מתּנה פֿון מיר, און לאָזט אַרויס דאָס ביכל אין ווין. און גלייבט מיר, אַז כ׳וועל זײַן גליקלעך, אויב משה גרויס וועט באַקומען די ווינער סטיפּענדיע אויף צוויי יאָר. איר וועט טאָן אַ גרויסע מיצווה...

הער קרויטער:

איך וועל טאָן אַלץ, וואָס כ׳וועל נאָר קענען טאָן. איך גיב אײַך מײַן ערנוואָרט, אַ וואָרט פֿון אַ ייִדישן אָפֿיציר.

ר׳ איציק:

אַ דאַנק. צום באַדויערן, קען איך ניט קומען קיין ווין, ווײַל כ׳האָב שוין צוגעזאָגט פֿון פֿריִער, – מע וואַרט אויף מיר אין פּאַריז. עס טוט מיר לײַד.

הער קרויטער:

יאָ, איך פֿאַרשטיי אײַך, אַ וואָרט איז אַ וואָרט...

*צום טישל קומט צו ר׳ לופּו.*

ר׳ לופּו:

זײַט מיר מוחל, אַז איך שטער אײַך. דאָס פֿלייש איז שוין כמעט פֿאַרטיק, נאָך אַ האַלבע שעה, ניט מער...

הער קרויטער:

אַ דאַנק, ר׳ לופּו. איך מוז זיך אַנטשולדיקן. ס׳ווײַזט אויס, אַז דער לאַנגער וועג האָט מיך זייער מיד געמאַכט, איך שלאָף ממש אײַן זיצנדיקערהייט. דעם ראָסלפֿלייש פֿאַררוקט אין אויוון, מיר וועלן אים עסן מאָרגן אין דער פֿרי. ר׳ איציק, איר זענט מסכּים?

ר׳ איציק:

יאָ. איך בין מסכּים.

ר׳ לופּו:

אויב אַזוי, וועל איך גלײַך צושיקן מײַן פֿרוי, אַז זי זאָל אײַך צוגרייטן דעם צימער.

הער קרויטער:

אַ גרויסן דאַנק אײַך, נאָר איך וויל אײַך בעטן אַ טובֿה...

ר׳ לופו:

ביטע, ביטע...

הער קרויטער:

ר׳ לופו, איך בין אַן אָפּיציר, און איך קען זיך ניט דערלויבן, אַז אַ פֿרוי זאָל זיך מטפל זײַן מיט מיר. אויב דאָס איז מעגלעך, שיקט, ביטע, צו אַ מאַנצביל.

ר׳ לופו:

האָ, איך פֿאַרשטיי, יאָ, יאָ. איך אַליין וועל עס טאָן, באַלד גיי איך אַרויף.

הער קרויטער:

איך גיי מיט אײַך. ר׳ איציק, דאָס איז געווען איינער פֿון די שענסטע אָוונטן אין מײַן לעבן. אַ גוטע נאַכט.

ר׳ איציק:

עס ווײַזט אויס, אַז נאָר אַ ייִדישער אָפֿיציר קען האָבן אַ האַרץ פֿון אַ מלאך...

הער קרויטער:

ביטע, כ׳האָב ניט פֿאַרשטאַנען.

ר׳ איציק:

עס מאַכט ניט אויס. אַ גוטע נאַכט און שלאָפֿט געזונטערהייט.

הער קרויטער:

אַ דאַנק. ביז מאָרגן.

*ר׳ איציק ענטפֿערט ניט, נאָר גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. ר׳ לופּו באַגלייט הער קרויטערן צו דער סטויקע און ווײַטער גייען זיי אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק. אין דער קרעטשמע גייט אַרײַן משה גרויס.*

משה גרויס:

אַלע זענען שוין אַוועק? און ווו איז הער קרויטער?

ר׳ איציק:

ער וואַרט אויף דיר אין זײַן צימער. גיי אַרויף.

משה גרויס:

ער וואַרט אויף מיר? אויף מיר?...

ר׳ איציק:

אויף דיר. פֿאַרליר ניט קיין צײַט, ווײַל ער איז זייער מיד.

משה גרויס:

גוט, איך גיי...

*משה גרויס גייט אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק. ר׳ איציק בלײַבט זיצן בײַם טישל. צום טישל גייט צו מלכּה.*

מלכּה:

איך קען אַראָפּנעמען פֿון טיש?

ר׳ איציק:

יאָ, נאָר לאָז איבער דעם בוטל און אַ גלעזל. מלכּה, זאָג מיר...

מלכּה:

איציק, גענוג. מוטשע מיך ניט. וואָס ווילסטו פֿון מיר? אַז איך זאָל דיר נאָך אַ מאָל זאָגן, אַז איך האָב דיך ליב? דאָס ווילסטו, דאָס? דו פֿײַניקסט מיך און זיך אַליין. איציק, איך האָב אַ מאַן מיט זיבן קינדער... מוטשע מיך ניט, ביטע.

ר׳ איציק:

יאָ, מאָרגן אין דער פֿרי וועל איך אַוועקפֿאָרן, אויף אייביק...

מלכּה:

וווּהין וועסטו פֿאָרן, וווּהין?

ר׳ איציק:

וווּהין? וואָס הייסט וווּהין? קיין טערקײַ, כ׳וועל פֿאָרן קיין סטאַמבול, צו יענער מלכּהלע דער שיינער...

מלכּה:

איציק, איך וועל ניט דערלעבן ביז מאָרגן, איציק...

ר׳ איציק:

דאַן וועל איך אַוועקפֿאָרן הײַנט בײַ נאַכט. נאָר גיב מיר אַ קוש און – שוין... ניט אין די ליפּן, אין שטערן...

*ר׳ איציק זיצט ווי פֿאַרשטיינערט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. מלכּה בייגט זיך אָן און גיט אים אַ קוש אין די ליפּן.*

מלכּה:

איך וועל דיך ניט פֿאַרגעסן... קיין מאָל ניט...

*מלכּה שטעלט אויפֿן טאַץ דאָס געפֿעס און גייט אַוועק צו דער סטויקע. פֿון אויבן גייט אַראָפּ משה גרויס.*

משה גרויס:

ר׳ איציק, מע האָט מיר פֿאָרגעלייגט אַ סטיפּענדיע אויף צוויי יאָר אין ווין. מאַמע מײַנע שיינע, איך גיי שטאַרבן פֿאַר גליק...

ר׳ איציק:

עס זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה, משהלע, דו האָסט עס כשר פֿאַרדינט. איז לאָמיר מאַכן אַ לחיים. ס׳איז דאָך אָן עבֿירה ניט אויסצוטרינקען פֿאַר אַזאַ וויכטיקער זאַך. אַ קלייניקייט צו זאָגן – אַ סטיפּענדיע אין ווין.

משה גרויס:

און איך האָב געמיינט, אַז הער קרויטער איז געקומען צון אײַך, אויף אַ באַזוך...

ר׳ איציק:

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... לחיים, משהלע, לחיים!

משה גרויס:

לחיים!

*זיי טרינקען. פֿונעם צווייטן שטאָק גייט אַראָפּ ר׳ לופּו און שושקעט זיך מיט זײַן פֿרוי.*

ר׳ לופּו:

ר׳ איציק, איך מוז אַרויסגיין אויף אַ קורצער צײַט צו די קינדער. אַז דו ווערסט דאַרפֿן עפּעס, זאָג מלכהן, זי בלײַבט דאָ. נאָר שיכור זיך ניט אָן, איך האָב זיך שוין אונטערגעריסן די קריזשעס דיך אַרויפֿצושלעפּן אויפֿן צווייטן עטאַזש.

ר׳ איציק:

קוש אַ בער אין אָחור...

*ר׳ לופּו איז אָפּ.*

משה גרויס:

ר׳ איציק, וואָס האָט איר צון אים? ער איז דאָך זייער אַ גוטער מענטש.

ר׳ איציק:

נו יאָ, אַ גוטער... ווען ער שלאָפֿט מיט די ציין צו דער וואַנט.

*ביידע זיצן און שווייַגן. ר׳ איציק טרינקט פֿון דער פֿלאַש. משה גרויס לייגט דעם קאָפּ אויפֿן טיש און ווערט אַנטשלאָפֿן. ר׳ איציק הייבט אָן צו זינגען. מלכּה שטייט בייַ דער סטויקע און הערט זיך צו.*

ר׳ איציק:

קיינער ווייסט ניט וואָס איך זאָג,
קיינער ווייסט ניט וואָס איך וויל.
זיבן מייַזלעך מיט אַ מויז
שלאָפֿן אויפֿן דיל.

זיבן מייַזלעך מיט אַ מויז
זענען, דוכט זיך, אַכט.
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און זאָג – אַ גוטע נאַכט.

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
ווו זשע גייט מען שפּעט בייַ נאַכט
איינינקער אַליין?

שטייט אַ שענק אין מיטן מאַרק,
ווינקט צו מיר, – דו, יאָלד,
כ׳האָב אַ פֿעסעלע מיט ווייַן,
אַ פֿעסעלע מיט גאָלד.

עפֿן שנעל איך אויף די טיר,
און איך פֿאַל אַרייַן, –
אַ גוט־יום־טובֿ אַלע אייַך,
ווער איר זאָלט ניט זייַן.

קיינער ווייסט ניט וואָס איך זאָג,
קיינער ווייסט ניט וואָס איך וויל.
צוויי שיכורים מיט אַ פֿלאַש
שלאָפֿן אויפֿן דיל.

צוויי שיכורים מיט אַ פֿלאַש
זענען, דוכט זיך, דרייַ.
זייַן אַ פֿערטער דאָ אין שפּיל
לוינט זיך, ניט כדאַי.

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש

און איך לאָז זיך גיין.

ווּ זשע גייט מען שפּעט ביַי נאַכט

איינינקער אַליין?...

איינינקער אַליין...

*פֿאַרטונקלונג*

סוף

*יאַס – פּאַריז*

*חודש תשרי, תשע״ב*

# אַז מע לעבט, דערלעבט מען

מיט יאָרן צוריק, אין מיט פֿון די זעכציקער יאָרן, האָב איך אָנגעשריבן אַ ציקל נאָוועלעס אונטערן קעפּל ״טרוימען פֿון אַ גרין בלעטל״. כמעט צוואַנציק יאָר איז דאָס העפֿטל אָפּגעלעגן אין אַ שופֿלאָד און נאָר אין מיט פֿון די אַכציקער יאָרן האָט וועלוול טשערנין אָפּגעדרוקט אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״ צוויי נאָוועלעס פֿון יענעם ציקל, – ״זשאַנע״ און ״אַ טשערעפּאַשקע אין אַ רעגן״. צום סוף אַכציקער יאָרן איז אינעם יערלעכן אַלמאַנאַך פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״ – ״יאָר נאָך יאָר״ – דערשינען נאָך צוויי נאָוועלעטן פֿון יענעם ציקל, דהײַנו, – ״מאַרקעס״ און ״די ווישקע״ אין שירע גאָרשמאַנס איבערזעצונג אויף רוסיש. אין דעם זעלבן יאָר בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין ישׂראל און די ייִדישע אָריגינאַלן פֿון די ״מאַרקעס״ און ״די ווישקע״ זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״. אַ דאַנק שירע גאָרשמאַנס איבערזעצונג האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן ציקל נאָוועלעס, און אין פֿופֿציק יאָר אַרום נאָך דעם ווי זיי זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן, דערזעען זיי די העלע שײַן.

# טרערן

**דאָס** ערשטע, וואָס איז געבליבן אין מײַן זכּרון...

דאָס קליינע שטיבעלע, ווו מיר האָבן געוווינט, איז אַרײַנגעוואַקסן האַלב אין דער ערד, און דער פֿענצטער צום הויף איז געווען גלײַך מיט דער ערד. ווען די מאַמע איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי מיך איבערגעלאָזט זיצן אויפֿן פֿענצטערברעטל. שעהען לאַנג בין איך געזעסן בײַם פֿענצטער און באַטראַכט, וואָס עס טוט זיך אין הויף.

אין אונדזער הויף האָט געוווינט אַ צויג, זשאַנע. זשאַנע איז געווען אַ גרויסע געל־רויטע סוטשקע מיט ווײַסע זײַטן. איך מיט זשאַנען זײַנען געווען אין איין גרייס.

איין מאָל אין יאָר, פֿרילינגצײַט, האָט זשאַנע זיך געצײַגלט און געהאַט קליינע הינטעלעך. איך האָב מיט גרויס נחת צוגעקוקט, ווי זשאַנע טראָגט איבער די הינטעלעך פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן.

ווײַזט אויס, אַז אין אונדזער שטעטל זײַנען געווען אַ סך פֿאַרוואָגלטע הינט. פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיך באַוויזן אויף דער גאַס די הינטשלעגערס און געשאָסן די בידנע, פֿאַרוואָגלטע באַשעפֿענישן.

ווען ס׳האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ אויף דער גאַס, האָט זשאַנע זיך געאײַלט צו די הינטעלעך און זיי איבערגעטראָגן צום

פֿענצטער, ווו איך בין געזעסן. זשאַנע האָט זיך אַוועקגעלייגט הינטערן פֿענצטער, פֿאַרשטעלט די צײַגלעך און מיך אויך פֿון אַ פֿרעמד אויג. דורך זשאַנעס לײַב האָב איך ניט געקענט זען, וואָס ס׳טוט זיך אין הויף. מיט אַן אָנגעשטרענגטער באַמיִונג בין איך אויפֿגעשטאַנען אויפֿן פֿענצטערברעטל און האָב דערזען אַ ביקס, אָנגעצילט אין מײַנע אויגן. זשאַנע האָט זיך אײַנגעקוועטשט אין דער וואַנט, אירע זײַטן האָבן זיך שווער באַוועגט.

דער הינטשלעגער האָט מיך דערזען, איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די ביקס.

זשאַנע האָט שווער געדעכעט, די צונג אירע איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער שלונד...

דער הינטשלעגער האָט געוואָרפֿן שטיינער אין זשאַנע, ער האָט געפּרוווט זי פֿאַרטרײַבן פֿונעם פֿענצטער מיט אַ שטעקן, נאָר זשאַנע האָט זיך אַפֿילו ניט גערירט. דער הינטשלעגער האָט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אויפֿגעהויבן די ביקס, ער האָט געצילט אין דער צויג, און יעדעס מאָל האָט ער די ביקס אַראָפּגעלאָזט.

די הינטעלעך האָבן געזויגט די מילך און געשטופּט איינס דאָס אַנדערע. דער הינטשלעגער האָט אַ שפּײַ געטאָן אין מײַן זײַט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט קללות.

זשאַנע האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּיסקל, און איך האָב דערזען אין אירע אויגן טרערן.

# דער ווײַסער גזלן

**גאַנצע** טעג איז ער געלעגן אויפֿן דאַך לעבן דעם קוימען און געהאַלטן זיך פֿאַר אַ באַלעבאָס איבערן גאַנצן הויף. ער איז געווען ווײַס ווי שניי און זייער גרויס, לכל־הפּחות אין מײַנע אויגן. די באָבע מילכּה האָט אים גערופֿן ״דער גזלן״ און געטענהט, אַז ״אַחוץ דעם, אַז ער איז אַ גזלן, איז ער נאָך פֿויל ווי אַ הונט״.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַ קאָטער און אַ הונט קענען זיך אָנקערן ״שטיקלעך קרובֿים״, ווײַל אויך אונדזערע שכנים, לויט דער באָבעס וואָרטשען, – ״לעבן ווי אַ קאַץ מיט אַ הונט״. מיט די שכנים איז אַלץ געווען קלאָר, – דער תּמיד כמורנער אַרמענער, אַרמען־דזשאַן, שפּילט די ראָלע פֿון אַ הונט, און די קורנאָסע בלאָנדע טאַמאַרעטשקע איז די קוויטשענדיקע קאַץ. שוין אַ סך שפּעטער האָב איך איבערגעלייענט בײַ סטעפֿאַן צווײַגן, אַז ״אויב אַ הונט און אַ קאַץ חבֿרן זיך, הייסט עס, אַז זיי חבֿרן זיך קעגן דעם קאָך״.

דעמאָלט, אָבער, האָב איך נאָך ניט געקענט לייענען, ווײַל כ׳בין געווען אַרום פֿיר יאָר אַלט און די ערשטע ביכער האָב איך באַקומען נאָר מיט אַ יאָר שפּעטער, בײַ פֿינעף יאָר. דערווײַל זשע האָב איך זיך באַנוגנט מיט די לעבעדיקע העלדן פֿון אונדזער הויף. די ערשטע איז געווען די באָבע מילכּה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, און, להבֿדיל, די רויטע צויג זשאַנע.

קיין קינדער אין מײַן עלטער זײַנען בײַ אונדז אין הויף ניט געווען, און צו שליאָנדרען זיך אויף דער גאַס איז מיר געווען שטרענג

פֿאַרבאָטן, ווײַל ״פֿון דער גאַס איז דער גלײַכער וועג אין טורמע, גאָט זאָל באַהיטן״. עס ווײַזט אויס, אַז די רויטע זשאַנע האָט געוווּסט צו וואָס פֿאַר אַ צרות ס׳קען דערפֿירן די ווילדע גאַס, און, זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז, כ׳בין געווען דער איינציקער, וועמען די צויג פֿלעגט דערלויבן זיך אַוועקלייגן אויפֿן גראָז לעבן איר און קוקן אויף די זויגנדיקע הינטעלעך.

גאָט זאָל מיך ניט באַשטראָפֿן, נאָר איך וויל זיך מודה זײַן און בעטן מחילה בײַ דער באָבע מילכּה... באָבע־לעבן, דו געדענקסט, אַז איין מאָל איז בײַ דיר נעלם געוואָרן אַ שטיקל געפֿילט העלדזל... און דו האָסט געשריִען אויפֿן ״ווײַסן גזלן״ און אים געשאָלטן – ״אין דײַן טאַטנס טאַטנס גזלנישער טבֿע״... באָבעניו־סערצע, ניט דער ווײַסער גזלן האָט צוגעלקחנט דאָס שטיקל העלדזל, ניט ער... ניט ער איז דער גזלן, נאָר... יאָ... דאָס אי׳ דאָס.

די רויטע זשאַנע איז געלעגן אויפֿן גראָז הינטער דער כאַטקע און ניט געקענט אויפֿשטיין, ווײַל די הינטעלעך האָבן זי ניט געלאָזט, זיי זײַנען געווען הונגעריק און אָן אַן אויפֿהער געטשמאָטשקעט זשאַנעס ראָזעווע ציצקעלעך. זי האָט שווער געאָטעמט און זיך געשעמט אַ קוק טאָן מיר אין די אויגן. און דאַן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַחוץ מיר וועט איר קיינער ניט העלפֿן.

כ׳בין צוגעלאָפֿן צו דער באָבען און זי געבעטן מיר אָנשעפּן אַ קריגל וואַסער. ווען זי איז אַרײַן אין שטוב כּדי אָנצושעפּן וואַסער, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן פֿונעם טעלער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טרינישקע, אַ שטיקל געפֿילט העלדזל, צוגעלאָפֿן צו זשאַנען און אַרײַנגעשטופּט עס איר אין פּיסק.

״גזלן, ווײַסער גזלן, אַ קרענק אין דײַן טאַטנס טאַטן!!! איך וועל דיך שוין אָנלערנען ווי צו גנבֿענען בײַ אָרעמע־לײַט!״ – די באָבע מילכּה האָט געהאַלטן דעם בידנעם קאָטער בײַ די שקירקעס און געפּאַטשט אים איבער דער מאָרדע מיט אַ קויטיק שמאַטקעלע.

די זעלבע נאַכט האָט אינעם שכנותדיקן הויף אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה.

עס האָט געברענט דער שטאַל מיט פֿערד.

עס איז געווען מסוכּן שרעקלעך.

דאָס פֿײַער האָט געבושעוועט גלײַך לעבן אונדזער הינטערשטן פּלויט.

די עלטערן זײַנען אַנטלאָפֿן צו די שכנים צו לעשן די שׂרפֿה, און די באָבע האָט מיך אַרויסגעטראָגן פֿון דער שטוב, אַוועקגעלייגט אויפֿן גראָז לעבן דער רויטער זשאַנע און צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל. זשאַנע האָט מיך אַ לעק געטאָן אין פּנים אַרײַן און איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

די שׂרפֿה האָט מען פֿאַרלאָשן, די פֿערד האָט מען געראַטעוועט, נאָר זינט יענער נאַכט איז דער ווײַסער גזלן נעלם געוואָרן, גלײַך ווי קיין מאָל ניט געווען.

עס טאָגט. מע דאַרף אויפֿשטיין צו סליחות.

באָבע־לעבן, זײַ מיר מוחל, דאָס האָב איך צוגעגנבֿעט בײַ דיר אַ שטיקל געפּילט העלדזל. איך... און ניט דער ווײַסער גזלן.

# מאַרקעס

**מזל־טובֿ!** מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ נײַער דירה. דאָס הויז, ווו מיר האָבן איצט געוווינט איז געווען די ערשטע צווייסטאָקיקע געבײַדע, וועלכע מען האָט אויפֿגעבויט אין אונדזער שטעטל נאָך דער מלחמה. וואָווקען האָט צוגעפֿידלט מער ווי מיר און קעצעלען, ווײַל וואָווקעס דירה איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק, גלײַך לעבן די שטיגן אויפֿן בוידעם.

וואָווקע איז געווען אַ גרויסער קונדסניק און אַ דרייקאָפּ, – אַ דאַנק אים האָבן מיר זיך אויסגעלערנט מאַכן ראָגאַטקעס, שיסן פֿון פֿײַלן־בויגן און קריכן אויף די ביימער.

קעצעלע זשע איז געווען אַ שטילער שטרויזאַק, וועלכער איז תּמיד געווען מסכּים מיט יעדן איינעם.

איך בין דעמאָלט געווען באַשעפֿטיקט מיטן "לעגאָ־קאָנסטרוקטאָר", און אונדזער שכן, דער זיידעלע בן־ציון פֿלעגט שטענדיק אַ וואָרף טאָן אין מײַן זײַט: "נו, איר זעט, ער סטרויעט שוין אָדעס!"

די מעשׂה האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דעם, אַז מיר אויפֿן געבורטסטאָג האָט מען געשאָנקען אַ סעריע מאַרקעס. וואָווקע האָט מיר מקנא געווען, ניט געקענט זיך געפֿינען קיין אָרט, האָט אויפֿגעהערט אַרויסגיין אין דרויסן, און אין גיכן איז אַוועקגעפֿאָרן אויף וואַקאַציע צו זײַן באָבע אין ווײַסרוסלאַנד. איך זשע בין געווען ווי פֿאַרכּישופֿט און די גאַנצע צײַט געזעסן געפֿאַנגען אינעם מאַרקעס־לאַנד. די ווײַטע לענדער מיט די וווּנדערלעכע נעמען האָבן זיך מיר געחלומט בײַ נאַכט און געצויגן צו זיך, געצויגן... מאָנטסעראַט, סען־פּיער־און־מיקעלאָן,

גוואַדעלופּע – די נעמען האָבן געקלונגען ווי מוזיק. אָבער אין גיכן האָב איך באַקומען אַ נײַע מתּנה, אַ דיאַסקאָפּ. כ׳האָב פֿאַרגעסן אין די מאַרקעס און גאַנצע טעג געדרייט דאָס רעדל פֿונעם דיאַסקאָפּ און געקוקט די שיינע כינעזישע דיאַפּילמען. די ווײַטע לענדער מיט ווונדערלעכע נעמען זײַנען געלעגן אין אַ שופֿלאָד, ממש ווי אויף הפֿקר.

דער זומער האָט זיך פֿאַרענדיקט. וואָווקע האָט זיך אומגעקערט אַהיים און גלײַך געוויזן אונדז זײַן נײַעם אַלבאָם מיט מאַרקעס. אָ, גאָט מײַנער, שטעלט זיך נאָר פֿאָר, – אַן אמתער אַלבאָם מיט מאַרקעס! כ׳האָב ניט געקענט אײַנזיצן אין דער היים און יעדעס מאָל אויסגעפֿונען עפּעס אַ סיבה כּדי אַרויפֿצולויפֿן צו וואָווקען און אַ קוק טאָן אויף זײַן נײַעם אַלבאָם מיט מאַרקעס.

איין מאָל, אין מיטן העלן טאָג, זיץ איך בײַם טיש און שוויץ איבער די שול־פֿאַרגעבונגען, און דאָ פּלוצעם לויפֿט צו מיר אַרײַן קעצעלע, שטעלט זיך אַנטקעגן מיר און צעשמייכלט זיך אַזוי כיטרע־כיטרע...

– וואָסי, – פֿרעג איך אים, – וואָס איז די שׂימחה?

– קוק, – זאָגט ער מיר און צענעמט די דלאָניעס.

און איך דערזע פֿינעף ווונדער שיינע מאַרקעס, אַ סעריע רומענישע מאַרקעס מיט עקזאָטישע קעצעלעך.

– סטײַטש, – זאָג איך קעצעלען, – ווי קומען זיי צו דיר? דאָס זײַנען דאָך וואָווקעס מאַרקעס.

– נו אי׳ וואָס? – ענטפֿערט מיר קעצעלע און שמייכלט ווײַטער, – צי אפֿשר ווילסטו ניט האָבן אַזעלכע. גוט, איך שענק זיי דיר,

נאָר פֿאַרבאַהאַלט זיי אין אַ זיכער אָרט, אַניט... דו קענסט דאָך וואָווקען...

– ניין, – זאָג איך קעצעלען, – ס׳איז ניט שיין, ס׳איז דאָך אַ גנבֿה.

– הער אויף רעדן נאַרישקייטן, – ענטפֿערט מיר קעצעלע, גייט צו צום דיאַסקאָפּ, עפֿנט אויף דאָס דעקל, לייגט אַרײַן אינעווייניק די צוגעגנבֿעטע מאַרקעס און פֿאַרמאַכט דאָס דעקל.

גלײַך אין דער זעלבער מינוט עפֿנט זיך אויף די אַרײַנגאַנג־טיר און אין צימער לויפֿט אַרײַן אַ צעשויבערטער וואָווקע, בייז ווי אַ משוגענער וואָלף.

– נו, – ווענדט ער זיך צו מיר, – דו האָסט געסטיבריעט[15] מײַנע מאַרקעס?

– וואָס פֿאַר אַ מאַרקעס? – פֿרעג איך אים, ניט טויט ניט לעבעדיק.

– וואָס הייסט ״וואָס פֿאַר אַ מאַרקעס״? די רומענישע, מיט די קעצעלעך. אָט, באַלד קער מיר זיי אום מיט גוטן, אַניט... – סטראַשעט מיך וואָווקע און גיט אַ פֿראַגעקוק אויף קעצעלען.

קעצעלע שטייט זיך שטילערהייט און שמייכלט.

– הערסט, – סטראַשעט מיך וואָווקע ווײַטער, – קער מיר אום מײַנע מאַרקעס, אַניט וועל איך דיך צעשמירן איבער דער וואַנט.

איך קוק אויף וואָווקען און ווייס ניט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. און דאָ דערזע איך, אַז קעצעלע האָט אויפֿגעהערט צו

[15] געסטיבריעט – קינדער־זשאַרגאָן – צוגעגנבֿעט

שמייכלען, האָט אַרײַנגעפּערעט[16] די אויגן אין מײַן דיאַסקאָפּ און קוקט אין אים נאָר ווי אַ באַצויבערטער.

וואָווקע איז צוגעגאַנגען צום דיאַסקאָפּ, אויפֿגעמאַכט דאָס דעקל און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן די פֿאַרבאַהאַלטענע מאַרקעס. איר ווייסט דאָך, יענע, רומענישע, מיט וווּנדער שיינע קעצעלעך...

– נו, דו, פֿאַרקאַקטער גנבֿ, – זאָגט מיר וואָווקע, – וואָס וועסטו איצט זאָגן?...

כ׳האָב ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

– גוט, – זאָגט מיר וואָווקע, – כ׳בין דאָך ניט קיין גזלן, לאָמיר אָפּמאַכן אַ געשעפֿטל. גיב מיר אָפּ אַלע דײַנע מאַרקעס, אַניט וועל איך דערציילן דײַן טאַטן און דאַן... אַז אָך און ווי דײַן דאַר תּחתל.

כ׳בין געזעסן ווי געליימט, כ׳האָב זיך געשעמט אַ קוק טאָן וואָווקען אין די אויגן, נאָר יענער איז צוגעגאַנגען צו מײַן טיש, אויפֿגעמאַכט דעם שופֿלאָד, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן דעם קאָנווערט מיט אַלע מײַנע מאַרקעס און צוזאַמען מיט קעצעלען אַרויס פֿונעם צימער.

כ׳בין געבליבן זיצן בײַם טיש, ניט טויט ניט לעבעדיק, ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט הענט און פֿיס... דאָס האַרץ מײַנס האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן...

פּאַמעלעך בין איך געקומען צו זיך און אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער. דאָרט, אין דרויסן, זײַנען געזעסן אויף דער באַנק וואָווקע און קעצעלע, און געטיילט צווישן זיך מײַנע מאַרקעס.

[16] אַרײַנפּערען – קינדער־זשאַרגאָן – אַרײַנשטעכן, אַרײַנזעצן

# די ווישקע

**נאָך** דער מיאוסער מעשׂה מיט די מאַרקעס בין איך געוואָרן קראַנק. יענעמס געמיינהייט האָט מיך אויפֿגעציטערט, ניט געלאָזט שלאָפֿן, ניט געלאָזט עסן. קעצעלעס קרומער שמייכל איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צו די ווענט פֿון מײַן צימער און געטרודפּט מײַן שוואַכינקע נשמה. וואָווקע און קעצעלע, אָבער, האָבן זיך אויפֿגעפֿירט אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, – וואָווקע פֿלעגט זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר כּדי איבערשרײַבן די אַלגעברע־אויפֿגאַבעס, און קעצעלע... קעצעלע האָט ממשיך געווען צו שמייכלען.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מײַן ווונד וועט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרהיילן, נאָר געשען איז טאַקע אַזוי ווי עס האָט ליב געהאַט אַ זאָג טאָן די באָבע, – די צײַט היילט, ייִנגעלע. די צײַט איז דער בעסטער רופֿא.

עס איז געקומען ווינטערצײַט. מיר האָבן זיך געגליטשט אויף די קאָניקעס און געבויט שנייפֿעסטונגען. פּאַמעלעך האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן אין מײַנע אָנגעווירענע מאַרקעס. אין גיכן איז געקומען פֿרילינג און מיט אים צוזאַמען איז געקומען אַ פּלעפֿנדיקע ידיעה – אַ מענטש, אַ פּשוטער בשׂר־ודם איז געפֿלויגן אַזש אין קאָסמאָס אַרײַן. שעהען לאַנג בין איך געשטאַנען אין פּאַרק מיטן פֿאַרריסענעם קאָפּ צום הימל, און געפּרוווט צו געפֿינען עפּעס אַ סימן, אַז די ידיעה וועגן יורי גאַגאַרינס אַרויספֿלי אין קאָסמאָס איז אַן אמתע. בײַ נאַכט האָב איך זיך געזען שטיין אין מיטן פּעלד מיט די צעשפּרייטע הענטפֿליגל און... אַפֿילו אין חלום בין איך ניט בכּוח געווען

אַרויפֿצופֿלִיען העכער פֿונעם עלנטן דעמב, וועלכער איז געשטאַנען בײַם ראַנד פֿעלד.

אָנהייב זומער איז געשען עפּעס זייער וויכטיקס. קעצעלעס טאַטע, אַ גרויסער נאַטשאַלניק און אַ דרייקאָפּ, האָט געשאָנקען קעצעלען, מיר  און וואָווקען אַן אַבאָנעמענט אין שווימבאַסיין און, ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון סאַמע אין דער פֿרי און ביזן אָוונט האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין באַסיין. שווימען האָבן מיר זיך אויסגעלערנט זייער גיך, אָבער אַ שפּרונג טאָן פֿון דער ווישקע, אַפֿילו פֿונעם ערשטן טראַמפּלין, סך־הכל דרײַ מעטער די הייך, אויף דעם האָט זיך קיינער פֿון אונדז ניט געקענט אַנטשליסן. אַ פּאָר מאָל איז וואָווקע אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער ווישקע, זיך געטאָפּטשעט בײַם ראַנד פֿון דער טראַמפּלינברעט און ... בשום־אופֿן ניט געקענט אַראָפּשפּרינגען אין באַסיין. וועגן מיר און קעצעלען איז בכלל ניטאָ וואָס צו רעדן, מיר ביידע האָבן געהאַט אַ תּירוץ – דער פֿוס טוט ״אונדז״ ווײ.

איין מאָל קומט צו מיר צו וואָווקע און גיט אַ זאָג:

– אויב וועסט אַראָפּשפּרינגען פֿון דער ווישקע, אַפֿילו פֿונעם ערשטן טראַמפּלין, וועל איך דיר געבן אַ קערבל.

אַ קערבל... גאָט מײַנער, ס׳איז דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטיק! אַזוי פֿיל געלט האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט. פֿאַר אַ קערבל קען מען קויפֿן... נו, יאָ, מע קען קויפֿן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

– נו, – האָט וואָווקעס קול מיך אומגעקערט צו דערווירקלעכקייט, – לאָמיר זיך וועטן, אַז דו וועסט קיין מאָל ניט קענען אַראָפּשפּרינגען פֿון דער ווישקע.

– און דו, – פֿרעג איך אים, – און דו אַליין, פֿאַר וואָס שפּרינגסטו ניט?

– כ׳וואָלט יאָ אַראָפּגעשפּרונגען, נאָר דער פּוס טוט מיר זייער וויי.

בקיצור, כ׳האָב זיך געקווענקלט, געוואַקלט, געקוועטשט און סוף־כּל־סוף אַרויפֿגעקראָכן אויף דער ווישקע און פֿון אויבן אַ קוק געטאָן אַראָפּ צו. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען אין די אויגן, דאָס האַרץ איז מיר שיִער ניט אַראָפּ אין די פּיאַטעס, נאָר כ׳בין ווײַטער געשטאַנען בײַם סאַמע עק פֿון דער טראַמפּלינברעט.

ניט ווילנדיק האָב איך אָנגעהויבן זוכן מײַנע גוטע־פֿרײַנד – וואָווקע און קעצעלע. מיט אָפֿענע מײַלער זײַנען זיי געשטאַנען ניט ווײַט פֿון דער ווישקע און געקוקט אויף מיר.

כ׳האָב פֿאַרמאַכט די אויגן, זיך געזעגנט מיטן לעבן און אַ שפּאַן געטאָן אין תּהום אַרײַן.

כ׳בין אַרויסגעשווומען פֿונעם באַסיין און באַלד ווידער אַרויפֿגעקראָכן אויף דער ווישקע און ווידער אַ שפּרונג געטאָן אין באַסיין אַרײַן, און אַזוי זיבן מאָל נאָך אַנאַנד, סך־הכּל אויף זיבן קערבלעך.

אַ גליקלעכער בין איך אַרויס פֿון וואַסער און... וואָווקע און קעצעלע זײַנען נעלם געוואָרן, ווי קיין מאָל ניט געווען.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?... אַזוי ווי איר האָט זיך אַ מאָל אַ קוש געטאָן אין דער פּלייצע, פּונקט אַזוי האָב איך געזען מײַן ערשטע, כּשר פֿאַרדינטע פּרנסה, – סך־הכּל זיבן קערבלעך.

# אַ טשערעפּאַשקע אין אַ רעגן

איך האָב אויפֿגעעפֿנט די אויגן און ממש פֿיזיש דערפֿילט די בלײַיִקייט פֿונעם פֿרימאָרגן. פֿון מײַן געלעגער זע איך נאָר דעם גרויען הימל, און די גרויקייט האָט פּאַמעלעך און שווער געפּויזעט איבערן צימער. דער נאַכטרעגן האָט צוגעקלעפּט צו דער שויב אַ ברוין בלעטל. אַ קליין ברוין בלעטל אויפֿן טונקל גרויען הימל. עס דאַכט זיך, אַז די בלײַענע כמאַרעס האָבן אַרײַנגעקוועטשט די נשמה אין אַ שמאָלער שטײַג, און די נשמה קען ניט געפֿינען דעם אַרויסגאַנג.

אַ סומנעקייט...

די געדיכטע לופֿט דעקט צו מײַנע אויגן, און די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אין דער פֿינצטערניש. זעונגען, שוואַרץ־ווײַסע און קאָליריק־צעשווומענע, שוועבן אינעם מוח. עס האָבן זיך איבערגעפֿלאָכטן אין איינעם דער עבֿר און דער הווה, די קינדהייט און די עלטער, די האָפֿענונג און די אַנטוישונג.

סע מראַקעט...

קליינע טראָפּנדלעך רעגן פּאַלן אויף די פֿאַרוועלקטע בלעטער, וואָס פֿאַרדעקן די ערד, ווי אַן אַלטער טעפּעך, אַ צונויפֿגענייטער

פֿון אויסגעבליאַקעוועטע שטיקער געוועב. דער נודנער רעגן שעפּטשעט זיך איבער מיט די אומעטיקע ביימער. די סטעזשקעס זײַנען פֿאַרשאָטן מיט פֿײַכטע בלעטער. איך זעץ זיך אַנידער אויף אַ באַנק.

פּאַרק, מײַן אַלטער פּאַרק, וואָס איז געשען מיט דיר? ווּ זײַנען דײַנע קינדער? די אָבסערוואַציע־ראָד, אַ ריזיקער דורכגעלעכערטער פּויק, זעט אויס ווי אַ פֿאַרלאָזטע, פֿאַרגעסענע שטוב. ניט שוין זשע האָט דער דריבנער רעגן אַראָפּגעוואַשן פֿון די פֿריילעכע צווײַגן דאָס קינדער־געלעכטער און עס פֿאַרטראָגן מיט די פֿאַרוועלקטע בלעטער אין דער צוקונפֿט?

עס איז שטיל און פּוסט אינעם פּאַרק. בלויז אין סאַמע ווינקל לעבן דעם צוים דערזע איך אַ קליין ייִנגעלע. עס זיצט אויף די קאָרטעטשקעס און שאַרט מיט אַ שטעקעלע די בלעטער. זיי שאָרכן און מורמלען צוזאַמען מיטן רעגן עפּעס אַ משונהדיקע, כּמעט אויף איין נאָטע, צעצויגענע תּפֿילה:

– ב ר ו ך  אַ תּ ה...

איך שטיי ווי אַ פֿאַרכּישופֿטער און קוק אויף די פֿײַערלעך פֿון די צוויי שבתדיקע ליכט, איבער וועלכע עס שטייט מײַן באָבע. זי האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די גרויסע, פֿאַרשוואַרצטע דלאָניעס און יאָמערט ווי נאָך אַ מת, ניט דאָ און ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט. זי שאָקלט זיך פֿון איין זײַט צו דער אַנדערער, דאָס פֿײַער לעקט אירע פֿינגער, עס גיסן זיך טרערן פֿון אירע אויגן, און איך וווּנדער זיך, פֿאַר וואָס די טרערן קענען ניט אויסלעשן דאָס פֿײַער פֿון די ליכט.

– מ ל ך  ה ע ו ל ם...

דאָס ייִנגעלע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד און האָט אויסגעדרייט צו מיר זײַן קײַלעכדיק פּנימל מיט צוויי גרויסע אויגן. עס האָט געקוקט אויף מיר און געמאַכט אַ פּרוּוו צו צעשמייכלען זיך. פֿון דעם זײַנען געוואָרן זײַנע אויגן נאָך ליכטיקער און טרויעריקער. אַזוי איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף מיר... און איך, איך קען בשום־אופֿן זיך ניט דערמאָנען, פֿון וואַנען קען איך אָט דאָס פּנימל, אָט די אויגן, אָט דעם שמייכל, באַזונדערש אָט דעם אָ שמייכל.

–אַ ש ר  ק ד ש נ ו  ב מ צ ו ת י ו...

איך האָב מורא פֿאַר דער באָבען.

אויף די ווענט טאַנצן לאַנגע, ציטערנדיקע שאָטנס. דאָס פֿײַער לעקט דער באָבעס הענט. איך גיי צו צו איר, נעם זי אַרום בײַ דעם פֿוס און מאַך אַ פּרוּוו אַוועקצושטופּן זי אין דער זײַט. אומזיסט... אירע פֿיס זײַנען גלײַך ווי אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין דער ערד. ״רבונו־של־עולם, טאַטע באַרעמהאַרציקער, איך בעט בײַ דיר פֿאַר אַלע מײַנע קינדער, פֿאַר אַלע מײַנע אייניקלעך... אוי, רבונו־של־עולם...״

איך האָב מער ניט קיין כּוח אויסצוהאַלטן דעם ייִנגלס בליק. דאָס ייִנגעלע האָט עס דערפֿילט, אָפּגעווענדט די אויגן אין דער זײַט, אָפּגעווישט די טראָפּנס רעגן פֿונעם פּנים און זיך צוגעזעצט אויף די קאָרטעטשקעס.

וואָס איז געשען? פֿאַר וואָס בין איך אַזוי אויפֿגערעגט? צי ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, צי דאָס ייִנגל, וואָס שפּילט זיך מיט די פֿאַרוועלקטע בלעטער, בין טאַקע איך אַליין?!

דאָס קינד האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר.

פֿאַר וואָס האָב איך אַזוי מורא פֿאַר דעם עבֿר? צי אפֿשר געדענקען מײַנע אויגן עפּעס אַזוינס, וואָס איך אַליין האָב שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסן?

דער באָבעס פֿלייצע הערט אויף צו ציטערן. נאָך אַ רגע שטייט זי ווי פֿאַרשטאַרט. נאָך דעם לאָזט זי אַראָפּ די הענט און עפֿנט אויף די אויגן. איך שטיי אינעם ווינקל און האָב מורא צו אָטעמען. דער באָבעס בליק איז פֿול מיט די ווונדערלעכע, משונה־ווונדערלעכע קלאַנגען. דער רויך פֿון די ליכט האָט פֿאַרפֿולט די קיך מיט די ליכטיקע שאָטנס פֿון טויזנטער דורות פֿון מײַנע אָבֿות. די באָבע גייט צו מיר צו, נעמט מיך אַרום און גלעט מיך מיט איר שווערער און ווייכער דלאָניע איבערן קאָפּ.

כ׳האָב זיך באַרויִקט.

– באָבע, – שעפּטשע איך, – באָבע, איך האָב אַזוי מורא געהאַט, דו זאָלסט ניט אָפּבריִען די פֿינגער.

איך הייב אויף דעם קאָפּ און זוך דער באָבעס אויגן. זי ענטפֿערט ניט, נאָר איך דערפֿיל, ווי די דלאָניע אירע הייבט אָן צו ציטערן.

אַ קילבלעך שטראָמעלע רעגן איז אַרײַנגערונען הינטערן קאָלנער פֿון מײַן מאַנטל, און איך האָב אויפֿגעעפֿנט די אויגן. דאָס ייִנגעלע שטייט אַלץ לעבן מיר. זײַן בלאַס פּנימל מיט די קרישטאָלענע טראָפּנדלעך אויף דער נאָז און אויף די ליפּן שווימט אַרויס פֿונעם רעגן. דאָס מויל זײַנס איז אויפֿגעעפֿנט און זײַנע אויגן, ווי צוויי פֿײַכטע קאָרנבלומען, קוקן אויפֿמערקזאַם אויף מיר. איך האָב מורא פֿאַר די אויגן, וואָס האָבן אַרײַנגענומען אין זיך מײַן קינדהייט. כ׳האָב מורא, ווײַל איך פֿיל, אַז די שטילע אויגן פֿון מײַן קינדהייט וועלן מיר דערציילן דאָס קלעמענדיקע

מעשׂהלע פֿון מײַן נשמה. איך הער די שטילע קלאַנגען און פֿיל די ריחות פֿונעם עבֿר.

– באָבע, – שעפּטשע איך ווײַטער, – באָבע, כ׳האָב אַזוי מורא געהאַט, דו זאָלסט ניט אָפּבריִען די פֿינגער. מע דאַרף ניט וויינען. איך בין מיט דיר.

– יאָ, מײַן קינד... אַ גוט־שבת.

– אַ גוט־שבת, באָבע.

די באָבע נעמט מיך אַרום, און איך הער, ווי עס קלאַפּט איר האַרץ.

◆

– דיאַדיע[17], – דערהער איך אַ שטיל קולעכל, – דיאַדיע, איך בין הײַנט אַן אימעניניק.

איך באַטראַכט דאָס קינד, און פּלוצעם דערזע איך, אַז דאָס ייִנגל האַלט אין דער האַנט ניט קיין שטעקעלע – אַ שטריקל. אַ שטריקל פֿון אַ שפּילעכל – פֿון מײַן טשערעפּאַשקע.

– ביסט אַן אימעניניק? – פֿרעג איך, – איך בין אויך הײַנט אַן אימעניניק. מיר זײַנע ביידע אימעניניקעס. גיי צו מיר צו, כ׳וועל דיר געבן אַ קוש...

די קאַלטע טראָפּנדלעך רעגן אויף די באַקן האָבן אַ טעם פֿון טרערן.

– דיאַדיע, – זאָגט דאָס ייִנגעלע, – איר קענט מיר צו רעכט מאַכן מײַן טשערעפּאַשקע? די באָבע מילכּה האָט זי מיר הײַנט

---

[17] דיאַדיע – לאָקאַליזם – אַ מאַן, אַ פֿעטער

געשאָנקען, און איך האָב זיך מיט איר געשפּילט. איר ווייסט, זי איז געווען פּונקט ווי אַ לעבעדיקע. מע דאַרף נאָר אַ צי טאָן פֿאַרן שטריקעלע, און זי הייבט אָן צו מאַכן מיט די לאַפּקעס.

– און וואָס איז געשען? האָסט זי, חלילה, צעבראָכן?

איך האָף נאָך אַלץ, אַז דאָס ייִנגעלע וועט מיר דערציילן אַן אַנדער, ניט מײַן מעשׂהלע. צי קענען דען זײַן צוויי אַלץ איינע גורלות?

– ניין, דיאַדיע, ניט איך האָב זי צעבראָכן.

– ווער דען?

– כ׳האָב מורא צו דערציילן, ווײַל דאָס איז אַ גרויסער סוד. איר וועט קיינעם ניט דערציילן?

דאָס ייִנגל זעצט זיך אַוועק לעבן מיר.

– ניין, כ׳וועל קיינעם ניט דערציילן. אָבער וואָס איז געשען מיט דײַן טשערעפּאַשקע?

איך נעם אַרום דאָס קינד מיט דער האַנט.

– דיאַדיע, – דערהער איך אַ ווײַט קולעכל, – עפּעס אַ פֿרעמדער דיאַדיע האָט זי צעבראָכן. אַ גרויסער, אַ בייזער דיאַדיע... איך האָב פֿאַר אים מורא.

– וואָס פֿאַר אַ דיאַדיע? – פֿרעג איך – דערצייל, האָב ניט מורא.

– איך קען אים ניט, ער איז אַ פֿרעמדער דיאַדיע. איך האָב געבויט אַ שטיבעלע פֿאַר מײַן טשערעפּאַשקע און ניט געהערט ווי ער איז צוגעגאַנגען צו מיר. ער האָט מיך אַוועקגעשטופּט מיטן פֿוס אין דער זײַט און האָט געזאָגט – ״זשידיאָנעק״. נאָך

דעם האָט ער מיטן פֿוס צעקוועטשט מײַן טשערעפּאַשקע און איז אַוועקגעגאַנגען. דיאַדיע, וואָס הייסט ״זשידיאָנעק״, האַ? כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן, אויב דאָס איז אַ שלעכט וואָרט.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר. כ׳האָב געצומען דאָס ייִנגעלע פֿאַר דער האַנט.

– עס איז אַ מיאוס וואָרט, מע דאַרף עס ניט איבערחזרן. נאָר אַ שלעכטער מענטש האָט געקענט עס זאָגן. וווּ זשע איז דײַן טשערעפּאַשקע?

– איך האָב זי פֿאַרבאַהאַלטן אין אַ שאַלאַשיקל פֿון בלעטער, – האָט מיר אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן דאָס ייִנגעלע, – באַלד וועל איך זי ברענגען. איר וועט זי צו רעכט מאַכן, יאָ? אויב ניט, וועט די באָבע עס נעמען זיך צום האַרצן.

דאָס ייִנגעלע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער באַנק און, אַרומקוקנדיק זיך, איז בניחותא פֿאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער.

די ווײַטע תּפֿילה האָט זיך איבערגעריסן. כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן.

די באָבע האָט מיך געצומען בײַ דער האַנט און אַרײַנגעפֿירט אין צימער. דאָ איז ליכטיק און פֿריילעך־וואַרעם.

– באָבע, – זאָג איך, – איינער אַ בייזער דיאַדיע האָט מיר צעבראָכן דײַן מתּנה, די טשערעפּאַשקע.

– וואָס רעדסטו, מײַן קינד? אוי־ווײ, אַ בראָך צו מײַנע וויסטע יאָרן...

די באָבע האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט די הענט.

– האָב ניט מורא, באָבעניו, – זאָג איך, – אַן אַנדער דיאַדיע האָט זי מיר פֿאַרריכט, און איך האָב אויפֿגעבויט אַ שטיבעלע, אַזאַ שאַלאַשיקל פֿאַר אונדזער טשערעפּאַשקע. איצט האָט זי ניט מורא פֿאַר דעם רעגן.

די באָבע האָט זיך באַרויִקט.

מיר זיצן און טרינקען טיי מיט פּלעצעלעך.

– באָבע, – פֿרעג איך, – פֿאַר וואָס, ווען דו ביסט געשטאַנען אין דער קיך איבער די ליכט, האָסטו פֿאַר זיך אַליין ניט געבעטן? דו האָסט פֿאַרגעסן? אויב דו ווילסט, וועל איך בעטן פֿאַר דיר און פֿאַר אונדזער טשערעפּאַשקע.

– ביַי וועמען, מיַין קינד?

דער רעגן זינגט און וויינט. עס איז פּוסט און שטיל אינעם פּאַרק, נאָר אין סאַמע ווינקל, ביַים צוים, זיצט אויף די קאָרטעטשקעס אַ ייִנגעלע און שאַרט מיט אַ שטעקעלע די פֿאַרוועלקטע בלעטער.

# אינהאַלט


אַ שאָטן ביַים פּענצטער 5

אַ גלעקל פֿון באַניפּראַטן 19

חנוכּה־געלט אונטערן ניטלבוים 35

וויוואַט, קלעזמאָרימלעך, וויוואַט 57

אַ טישל פֿאַר דריַי אירע 93

טרוימען פֿון אַ גרין בלעטל 153

טרערן 155

דער וויַיסער גזלן 157

מאַרקעס 160

די ווישקע 164

אַ טשערעפּאַשקע אין אַ רעגן 167

# ביבליאָגראַפֿיע

## "אַ שאָטן בײַם פֿענצטער".

ערשטע פּובליקאַציע אין "אויפֿן שוועל", נומ' 354 – 355, ווינטער/פֿרילינג 2012. אין איבערזעצונג אויף פּויליש (איבערזעצערין – מאַרטאַ קובישין) פּובליקירט געוואָרן אין "midrasz", נומ' 6 (158), 2010.

## "אַ גלעקל פֿון באָניפֿראַטן".

זשורנאַל־וואַריאַנט פּובליקירט געוואָרן אין "טאָפּלפּונקט", נומ' 5, 2002. אין איבערזעצונג אויף פּויליש (איבערזעצערין – מאַרטאַ קובישין) פּובליקירט געוואָרן אינעם קוואַרטאַלניק "cwiszn", 1-2/2010.

## "חנוכּה־געלט אונטערן ניטלבוים".

זשורנאַל־וואַריאַנט פּובליקירט געוואָרן אין "פֿאָרווערטס" אין יאַנואַר 2013.

## "וויוואַט, קלעזמאָרימלעך, וויוואַט".

ערשטע פּובליקאַציע אין "אויפֿן שוועל", נומ' 358 – 359, 2013.

## "אַ טישל פֿאַר דרײַ אירע".

זשורנאַל־וואַריאַנט איז פּובליקירט געוואָרן אין "פֿאָרווערטס", 30/04/2014.

## "טרוימען פֿון אַ גרין בלעטל".

ערשטע פֿולע פּובליקאַציע. אייניקע נאָוועלעס זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין "סאָוועטיש היימלאַנד", אינעם אַלמאַנאַך "יאָר נאָך יאָר", אין "פֿאָרווערטס" און אינעם בוך "דער נאַכט־מלאך".

# פֿון זעלבן מחבר

*אויף ייִדיש:*

עס קומט דער טאָג

אַ ליבע־רעגן

דער נאַכט־מלאך

און איצט בין איך דײַן ניגון

שבתדיקע שוועבעלעך

בענקשאַפֿט

דרעזדען בײַ דער לאַבע

אַ ליבע נאָכן טויט

פּאָסט רעסטאַן

געזעגענונג מיט דער קמיע

אויפֿן הימל אַ יריד

*אויף אַנדערע שפּראַכן:*

**Dresden an der Labe**

**Kandiszucker**

**Engelsfalle**

**Sehnsucht**

**Nostalgie**

**Субботние спички**

**Моя темная ночь**

**Eine Liebe nach dem Tod**

